STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01324

# SEFER GEDER OLAM

Israel Meir

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by The F. Weiler Charity Fund*
*in memory of*
*Jack D. Weiler*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

# גדר עולם

בו יבואר ענין הגדר שגדרה התורה לבנות ישראל נשואות להיות שערותיהן מכוסות. ונהגו איזה נשים כהיום קלות ראש בענין הזה בפרט. ובפרצת גדר הצניעות בכלל. וכל זה גורם לכמה תקלות גדולות. והכל הוא מצד מיעוט הידיעה שבני עמנו אינם יודעים שזה עון גדול. על כן באנו כהיום להראות לפני הכל את גודל העון והעונש שיש עבור זה. וגודל השכר שיש להנזהרים בזה אולי ע״ז יתוקן קצת פרצת הגדר. ונזכה לגדור פרצת ירושלים במהרה בימינו אמן.

גם מצורף בסוף הספר לקוטים אחדים מהלכות נדה הנחוצים מאוד לידע אותם. ובעזר הבונה בשמים מעלותיו ואגודתו על ארץ יסדה הנני מעתיק ומבאר באר היטב כל הדברים הנ״ל בל״א כדי לעורר לבות נשי ישראל להזהירן ולהפרישן מהקלות כאלו שעליהן נזהרנו בתוה״ק ובדברי הז״ל ובפוסקים ראשונים ואחרונים.

ומה ראיתי על ככה ומי הביאני עד הלום, אומר אני לא זכותי גרמה לכל זה כ״א זכות חכמי הדור, הוא ניהו הרב הגאון האמיתי מהר״ר מרדכי זצ״ל, הוא בצדקתו צוני ועוררני לכל זה זכותו יעמוד נצח, נאום הצעיר יצחק בן יוסף ז״ל.

אונ בכדי אלע זאלין פאר שטיין דיא היילינע אונ זיסע רייד וויא אפ צו קערין זיך פון שלעכטין וועג [ממדת הפריצות] אונ צו גיוואהנען זיך למדת הצניעות. האבין מיר עס מעתיק גיוועזן אויף עברי־דייטש.
אונ אויך איז דא פאראן דיא נייטיגע דינים פון הלכות נדה וואס מיא דארף זייא זייער וויסען.

ווארשא

בדפוס ר׳ יוסף בר״ז אונטערהענדלער ז״ל.

שנת והיה מחניך קדוש ולא יראה בך ערות דבר וגו׳ [דברים כ״ג]

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

# הקדמה

**הנה** כאשר נתבונן בדברי חז"ל נמצא שמדת הצניעות היא מדה גדולה מאד וזוכה עבור זה להוליד בנים ת"ח כדאמרינן בגמרא (יומא דף מ"ז) תנו רבנן שבעה בנים היו להוכולן שמשו בכהונה גדולה אמרו לה חכמים מה עשית שזכית לכך אמרה להן מימי לא ראו קורות ביתי קלעי שערי, ולהיפך מדת החציפות גורמת להוליד בנים עזי פנים ח"ו. ובעו"ה נתפרץ כהיום מדת הצניעות מאד וביותר בענין גילוי שער ראש האשה הנשואה שנעשה כהפקר לאיזה נשים שהולכות בפרהסיא לעיני הכל בשערותיהן המגולות — וגם על גילוי זרועותיהן אינן מקפידות — ומזה יוצאים עוד כמה קלקולים גדולים לכמה מאות ואלפים ברכות ושארי דברי קדושה שנאמרות בבתי ישראל בכל יום ואי אפשר ליזהר שלא יהא נגד האשה וכבר אחז"ל (ברכות כ"ד) דטפח באשה במקום שצריך להיות מכוסה הוא בכלל ערוה, וכן שער באשה ערוה ואסור לאמר שום דברי קדושה נגדה. והנה ידוע שכל הברכות או שארי דברי תורה בזמן שהם נאמרים כהוגן הם מביאים ברכה וקדושה לישראל כמו שכתוב בכל המקום אשר

---

הנה. ווען אז מיר זאלין גוט פאר שטיין אין די רייד פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה גיפינען מיר אז די מדה פון צניעות פון איין אשה איז זייער אגרויסע מדה אונ זיא איז זוכה צו ליב דעם צו האבין קינדער גרויסע תלמידי חכמים אזוי ווי מיר האבין גילערינט אין די גמרא יומא דף מ"ז, מען האט גיפרעגט ביא דער אשה וואס מען האט איר גירופען קמחית, ווארום האט דיך השי"ת גיבענטשט אז די זאלסט האבין אלע דיינע זין כהנים גדולים האט זיא זיא גיענטפערט פון דער צייט אהן וואס איך האב גיקריגען פאר שטאנד אז ביא איין אשה טאר זיך ניט ארויס זעהן די האר פון קאפ האבין ניט גיזעהן די באלקין פון הויז מיינע האר פון קאפ, אונ פאר קערט די מדה פון חציפות איז גורם צו קינדער עזי פנים ח"ו אונ יעצט בעוה"ר זענען דיא וועלט פורץ גדר די מדה פון צניעות אונ נאך מער אין דעם ארט פון גיין מיט דיא אפ גידעקטע האר פון דעם קאפ פון די ווייבער ווארום עס איז ביא זייא גאר גיווארין די זאך הפקר צו גיין ענדעקט דיא האר פאר אלעמען אונ זייא שעמען זיך גאר נישט אונ פון דעם גייט ארויס נאך ווי פיל שטרויכלונג גרויסע צו וויפיל הונדערט אונ טויזענטער ברכות אונ אנדערע היילינע רייד וואס זייא ווערין גיזאגט אין יודישע הייזער אלע טאג אין עס איז אום מעגליך צו היטען זיך אז דאס זאל ניט זיין אנטקעגין דער אשה אונ אזויא לערינט אונז די היילינע גמרא ברכות דף כ"ד אז א טפח פון איין אשה אויב עס דארף זיין צו גידעקט איז דאס אין כלל פון ערוה אונ אזוי די האר פון איין אשה ווערט אויך אן גירופען ערוה אונ מען טאר ניט זאגין קיין שום היילינע ווערטער אנטקעגין איר אונ דאס איז וויסענליך אז אלע ברכות אדער אנדערע ווערטער פון דער תורה הקדושה אין דער צייט אז זייא ווערין גיזאגט וויא גיהעריג צו זיין ברענגען זייא בענטשונג אונ היליקייט צו ישראל די היילינע פאלג אונ אזויא זאגט אונז דער פסוק (שמות כ') בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך דער טייטש דער

פון

# הקדמה

אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך [ופסוק זה בפשוטו קאי על כל דברי תורה ועל כל המקומות, ולאו דוקא בזמן המקדש וכדמוכח בברכות דף ו' ע"א בגמרא ע"ש] וגם הם שמירה לישראל מכל צרה ופגע כמו שכתוב כי ה' אלהיך מתהלך בקרב מחנך להצילך גו' והיה מחניך קדוש וגו', אבל בזמן שהם נאמרות נגד ערוה ח"ו כבר כתיב ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך. נמצא כל ענינים כאלו גורמים לישראל להיות נתונים בהסתר פנים ח"ו. וגם איתא בזוה"ק פרשת נשא שדבר זה גורם לשרות סטרא אחרא בביתא וגורם מסכנותא לביתא. על כן נדב לבי בעז"ה לאסוף את כל מאמרי חז"ל השייכים לענין זה ולהראות לפני הכל את גודל העון והעונש שיש בזה וגודל המעלה להאשה הצנועה בדרכיה שעי"ז היא זוכה לבנים יראי השם וחשובים שבדור, אולי על ידי זה יראו ויקחו מוסר ויתוקן קצת הפרצה הגדולה הזאת ובזכות זה נזכה לראות בבנין ירושלים גדריה ועניניה בב"א:

---

פון איז אין יעדער אר"ט וואס איך קען מאנען דער מאנען מיין נאמען דאס מיינט מען אין די ריינע ערטער וועסטו דער מאנען נאמען גאטס נאמען זאגט גאט ב"ה איך וועל קומען צו דיר אונ איך וועל דיר בענטשין אונ דאס איז פאר כלל ישראל אהיטונג פון אלע צרות אונ אזוי לערינט אונז די תורה הקדושה כי ה' אֱלֹהֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ דאס איז דער טייטש דען דיין גאט גייט זיך צו וויסען דיינע ערטער וואו די ריהסט דערום זאל זיין דייני רוהענדע ערטער הייליג איז דאס גירעט אז עס איז ריינע ערטער אבער אין דער צייט אז זייא ווערין גיזאגט ח"ו אנטקעגין דיא זאכין וואס ווערין אהן גירופען ערוה זאגט גאט ב"ה וְלֹא יֵרָאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ דער טייטש דער פון איז אז ער זאל ניט זעהן אין דיר אשענדליכע זאך ווארום ער ווערט זיך ווידער קערין אונטער דיר דער פון קענען מיר זיך ארויס נעמען אז אזעלכע זאכין איז גורם צו די יודען צו זיין גיגעבין אין הסתר פנים דאס מיינט מען אז ח"ו גאט ברוך הוא בעהאלט דם פנים. אונ אין זוה"ק פרשת נשא גיפינען מיר אז דיא זאך פון דיא האר אז עס איז ענדעקט איז גורם אז דיא סטרא אחרא רוהעט אין שטוב בייא דעם מענטשין אונ ארעמקייט איז דארטין אונ הויז דערום אז מיר האבין גיזעהן אז אין וויפיל ערטער עס גיפינט זיך דער איסור דער פון ווילין מיר מזכה זיין כלל בית ישראל אונ מיר האבין אויף גיקליבען אלע רייד פון אונזערע הייליגע חכמים וואס גיהערט צו דעם ענין אונ צו ווייזן פאר אלעמען ווי גרויס עס איז די עבירה אונ דער שטראף פון דעם, אונ פאר קערט וויא גרויס איז דער שכר פון די אשה וואס זיא איז פרום אין דער זאך אז זיא ווערט זוכה זיין דורך דעם צו קינדער וואס זייא וועלין זיין גרויסע צדיקים אונ חשובים פון דעם דור פילייכט אז זיי וועלין זעהן וועלין זיי זיך נעמען א מוסר ווערט פאר ריכט ווערין אביסיל דער גרויסער ברך אונ צוא ליב דעם זכות וועלין מיר זוכה זיין צו זעהן אין דעם בנין בית המקדש ווירושלים וויא עס ווערט פאר ריכט ווערין אידע ארום צאמונג בקרבה בימינו אמן

**הנה** מבואר בדברי חכמינו ז"ל גודל האיסור של האשה שיוצאה בשוק וראשה פרוע [דהיינו ששערותיה מגולות בלי כיסוי מה שנשי העם אשר אנחנו יושבים בקרבו ג"כ נזהרות מזה — מצד הצניעות, כידוע] עד שאמרו ע"ז שהוא איסור מדאורייתא, ואפילו היתה מכוסה שערותיה במקצת אבל לא כדין (כגון שיש קלתה על ראשה וכדלקמן) ג"כ יש איסור ויכול לגרשה עבור זה בלי כתובה, ובעו"ה נעשה הדבר הזה כהפקר בעיני הרבה נשים ואנשים, וגם על גילוי זרועותיהן אינן מקפידות, לכן אמרתי להעתיק לפני כל מגמרא ופוסקים את גודל האיסור שיש בזה וגם כמה קלקולים אחרים שיוצאים ממילא ע"ז אולי יראו ויקחו מוסר:

# פרק ראשון

## יבואר בו גודל האיסור מדינא לאשה לילך בפריעת ראש לשוק

**ראשון** לכל דבר זה הוא משנה מפורשת (כתובות דף ע"ב) ואלו יוצאות שלא בכתובה העוברת על דת משה ויהודית וקחשיב שם במשנה דברים שעוברת בזה על דת משה (היינו מה שהוא מן התורה) כגון שמאכילתו איזה איסור או שהיא משמשתו כשהיא נדה וכה"ג ואיזה עוברת על דת יהודית (היינו מה שהנהיגו מעולם האומה הישראלית וקבלו על עצמן ליזהר בזה משום צניעות ודבר זה וכיוצא בזה הוא בכלל מה שאמר הכתוב אל תטוש תורת אמך) יוצאה בשוק וראשה פרוע ומסיק שם בגמרא דאיירי המשנה אפילו במלבשת גלתה על ראשה (הוא כלי שלובשין במדינת בבל על ראשן ויש בהן חלל מלמעלה ונותנין שם הנשים הכלי טויה שלהן) אפי"ה אסור

---

הנה. אזוי וויא עס איז באשיידט אין דיא רייד פון אונזערע הייליגע חכמים ז"ל אז עס איז זייער גרויס דער איסור פון דער אשה וואס זיא גייט ארויס אין גאס אונ אירע האר איז אפ גידעקט דהיינו אהן איין הייביל אדער אהן איין פארטשייכע. אויף דעם האבין גיזאגט אונזערע חכמים אז דאס איז איין איסור פון דער תורה הקדושה אונ נאך מער ווען אפילו אז דיא האר איז גיוועזן אביסיל צוא גידעקט אבער ניט וויא דער דין איז, איז אויך דא איין איסור אונ דער מאן קען איר געבין דער פאר גט אן כתובה נאר יעצט בעוה"ר איז גיווארין דיא זאך אזוי וויא הפקר אין דיא אויגען פון פיל מאנען אונ ווייבער אונ נאך מער אויף די אפ דעקונג פון די ארעמס זענין זייא אויך נישט מקפיד האב איך דאה זייא בארעכונט צו פאר טייטשין פאר אלעמין די רייד פון די גמרא הקדושה אונ פון דיא פוסקים וויא גרויס דער איסור וואס דא איז אונ וויא פון דעם גייען ארויס אנדערע שטרויכלונג ממילא פילייכט אז מען וועט זעהן וועלין זיך ארויס נעמין אמוסר יעדערע באזונדער:

אין דעם פרק וועט באשייט ווערין דער גרויסער איסור על פי דין צו גיין אין מארק מיט דיא אויף גידעקטע האר:

ראשון לכל דבר פריער וויא אלץ איז די זאך אמשנה אין דיא גמרא (כתובות דף ע"ב) די דאזיגע ווייבער גייען ארוס פון די מאנען אהן כתובה דיא וואס איז עובר אויף דער תורה הקדושה דהיינו זיא גיט איהם עסין אזעלכע זאכין וואס מען טאר נישט עסין אדער זיא איז מיט איהם בשעת זיא איז איין נדה אדער זיא גייט אריהם אין מארק מיט אויף גידעקטע האר אונ אפילו אז דיא האר איז אביסיל צוא גידעקט נאר נישט וויא דער דין איז אויך

כיון דאינה לובשת מלמעלה רדיד כדרך הנשים דאם היו שערותיה מגולות ממש עוברות בזה על דת משה דהא יש בזה איסור מדאורייתא מדכתיב באשה סוטה ופרע את ראש האשה ותנא דבי ר׳ ישמעאל מכאן אזהרה לבנות ישראל שלא תצאנה בפריעת ראש דהיינו מדכתב קרא שהיה הכהן מסיר המטפחת מעל שערות ראשה כדי לנוולה לעיני הכל מכלל דשארי בנות ישראל נזהרות לילך באופן זה, והעתיק דבר זה הרב אלפס והרא״ש בהלכותיו, וכן כתב הרמב״ם (בפכ״ד מהלכות אישות) וז״ל מי שונתה תחת בעלה אין לה כתובה לא עיקר ולא תוספת ולא המזונה בלבד אלא אף העוברת על דת משה או על דת יהודית, ואלו הן הדברים שאם עשתה אחת מהן עברה על דת משה יוצאה בשוק ושער ראשה גלוי או שנודרת או שנשבעת ואינה מקיימת או ששמשה מטתה והיא נדה או שאינה קוצה לה חלתה או שהאכילה את בעלה דברים אסורים עי״ש עוד, ואלו הן הדברים שאם עשתה אחת מהן עברה על דת יהודית יוצאה לשוק או למבוי מפולש וראשה פרוע ואין לה רדיד כדרך הנשים אע״פ ששערה מכוסה במטפחת או שהיתה משחקת עם בחורים ועי״ש עוד דברים (כ״ז לקטתי מלשונו ממש בקצרה) וכן כתב בטור אבן העזר סימן קט״ו וכן בשו״ע אבן העזר סימן קט״ו ס״ד העתיק לשון הרמב״ם הנ״ל להלכה, וכן כל הפוסקים ראשונים ואחרונים כולם העתיקו דבר זה לדינא דאם האשה יוצאת לשוק ושערותיה מגולין היא עוברת בזה על איסור דאורייתא:

# פרק שני

## בו יבואר דין דשער באשה ערוה ואסור לומר שום דבר קדושה נגדה.

דע עוד דמלבד איסור פרוע ראש יש עוד ענין אחר שמחמת זה צריכה להיות שערה מכוסה אפילו בביתה באיזה כיסוי או בפאה נכרית (הוא מה שקורין פארוק) דאל״ה אסור אפילו לבעלה לומר שום דבר קדושה נגדה, דהשער הוא בכלל ערוה כמו שאמרו חז״ל (בברכות כ״ד) שער באשה ערוה שנאמר וכו׳ עי״ש וכן פסק האלפס והרמב״ם והרא״ש והטור והשו״ע וכל הפוסקים ראשונים ואחרונים. וזה לשון השו״ע אורח חיים בסימן ע״ה ס״ב שער של אשה שדרכה לכסותו אסור לקרות כנגדו אפילו אשתו ואפילו

---

איין עבירה, אונ דער הייליגער אלפס אונ דער רמב״ם אונ דער טור אונ דער שלחן ערוך שרייבין אלע אז דער איסור דער פון איז זייער גרויס_על כן דארף מען זיך זייער היטין:

אין דעם פרק וועט באשייט ווערין אז מען טאר נישט זאגין קיין שום הייליגען ווארט אנטקעגין דיא אויף גידעקטע האר פון איין אשה:

דע זאלסט וויסען נאך אזאך אז חוץ דיא עבירה וואס אויבין איז געשטאנען איז דא נאך אזאך וואס מחמת דעם דארף זיא זיך היטען אז דיא האר אירע זאל זיין צו גידעקט אפילו אין שטוב מיט איין פארטשייקע אדער מיט איין פארוק ווארום אז ניט טאר אפילו דער מאן ניט זאגין קיין שום הייליגען ווארט אנטקעגין איר ווארום דיא האר איז אין כלל פון ערוה וויא אונזערע הייליגע חכמים זאגין אין דיא גמרא (ברכות) שער באשה ערוה דער טייטש דער פון איז, די האר פון איין אשה וואס איז אפ גידעקט איז אין כלל פון ערוה. אונ אזוי פסקנת דער הייליגער אלפס אונ דער רמב״ם אונ דער רא״ש אונ דער טור אונ דער שולחן ערוך אונ אלע פוסקים דאס גרייבין, אונ אזויא שרייבט דער שולחן ערוך אורח חיים די האר פון איין אשה וואס דער שטייגער פון יודעשע מעבטער עם זאל זיין צוא גידעקט (דהיינו די וואס האט גינומען איין מאן אבער ניט פון אמיידיל) טאר מען נישט זאגין קיין

אם נתגלה רק קצת מהן [כן כתב בספר שולחן שלמה והוא פשוט, ומה שכתוב בשו"ע לשערות של נשים שרגילין לצאת מחוץ לצמתן מותר לקרות כנגדן, כתב בתשובת חתם סופר סימן ל"ו דהיינו שמלבד כובע שעל ראשה יש לה צמת והוא בגד המגלגל השער שלא יצא לחוץ ואותו מעט שאי אפשר לגלגל ויוצא מהצמת ע"ז מקיל השו"ע, ועיין מה שכתבנו לקמן פ"ח בשם הזוה"ק]. ואפילו אם דרך אשה זו וחברותיה באותו מקום לילך בגילוי שערה בשוק כדרך הפרוצות אסור לקרות כנגדה וכמו אם היו זרועותיה ושוקה מגולין דאסור בכל גוונא לקרות כנגדן וכמו שכתב בספר תפארת שמואל ואליהו רבא והיי אדם [והטעם בזה כיון שצריכות לכסות השערות מצד הדין ויש בזה איסור תורה וכנ"ל בפרק ראשון וגם כל בנות ישראל המחזיקות בדת משה נזהרות בזה מימות אבותינו מעולם ועד עתה בכלל ערוה היא ואסור לקרות כנגדן ולא בא השו"ע רק למעט בתולות שדרכן לילך בפריעת ראש]:

# פרק שלישי

## בו יבואר כמה וכמה איסורין היא מכנסת לעצמה ע"י מנהגה הרע הזה, וכמה תצטרך לבסוף לסבול עונשים עבור זה.

**הנה** ידוע הוא מה שהובא בדברי חכמינו ז"ל החילוק הגדול שיש בין העושה איזה איסור פ"א מפני שנתגבר עליו היצר ובין מי שהופקר אצלו האיסור לגמרי ורבינו יונה בשערי תשובה (פרק ) האריך בזה הרבה וכתב שזה האיש שהופקר אצלו איזה עון לגמרי עם פושעים נמנה וגדול עונו מנשוא והוא נקרא בפי חכמינו ז"ל בשביל זה בשם מומר לדבר אחד עבור זה שפורק מעל עצמו עול מצוה אחת ממצות ה' וע"ז וכיוצא

---

שום יודישען ווארט אנטקעגין אפילו אנטקעגין זיין אייגענע ווייב. אונ אפילו אז עס האט זיך אפ גידעקט אביסיל דער פון, אונ אפילו אז עס איז דער שטייגער אין דער שטאט אז אלע ווייבער גייען מיט אייגענע האר אפ גידעקט אין גאס פון דעסט וועגין טאר מען אויך נישט אונ דער זעלביגער דין איז אויב דער שטייגער פון דער שטאט איז אז עס זאלין גיין אלע נשים מיט הויזע ארימס פון דעסט וועגין טאר מען נישט זאגין קיין יודישען ווארט אנטקעגין. אונ דער טעם פון דיא אלע זאכין איז ווארום אונזער הייליגע תורה ווערט גיט גיביטען איבער אשלעכטין מנהג פון דער וועלט, גם דארף מען וויסען אז אנטקעגין אפ גידעקטע ארימס אונ אנטקעגין די האריץ אדער בריסט אפ גידעקטע אפילו פון איין אייגענע טאכטער טאר מען נישט זאגין קיין שום יודישען ווארט גיט בענצין אונ נישט דאווענען אונ נישט לערנען אונ נישט קיין ברכה מאכין:

אין דעם פרק וועט באשייט ווערין זייער פיל איסורין וואס די אשה ברענגט צו זיך אביין דורך איר שלעכטין פירונג אונ וויא פיל שטראף וועט זיא נאך דעם באקומען דורך דעם:

הנה, עס איזט בוויסט וואס עס ווערט גיבראכט אין די רייד פון די הייליגע חכמים ז"ל דעם גרויסען אונטער טייל וואס עס איז דא צווישען דעם וואס טוט וועלכע עבירה איין מאל ווייל דער יצר הרע האט זיך אויף איהם גישטארקט אונ צוא וויסען דעם וואס בייא איהם איז גיווארין איין עבירה גאר הפקר אונ דער רבינו יונה ז"ל אין שערי תשובה דער לענגערט ער זייער פיל אין דעם אונ ער שרייבט אז ווען דער מענטש וואס בייא איהם איז הפקר וועלכע עבירה אויף שטענדיג ווערט ער גיצייילט מיט די פושעים וואס דאס איז דער העכסטער סארט זינדיגע אונ זיין עבירה איז זייער גרויס צוא פאר געבין ווייל ער נעמט

בזה נאמר ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם, שפירושו אשר לא יקבל על עצמו לקיים את כל דברי התורה מראש ועד סוף כי אם אמור יאמר העבד לרבו כל אשר תאמר אלי אעשה זולת בדבר אחד כבר שבר עול אדוניו מעליו והישר בעיניו יעשה. והנה מכל זה ממילא נבין את גדולת העון של האשה שמרגלת עצמה בזה החטא לילך בשוק לעיני הבריות בשערותיה המגולות כי הלא מחלטת עצמה לעבירה הזו ואמרו חז"ל (במדרש שוחר טוב) כל המחליט עצמו לעבירה אין לו מחילה עולמית, וידוע הוא מה שאמר הכתוב הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה דהיינו בעת שהאדם מתחיל לעשות העון נדמה לו בעיניו שהוא איסור קטן מאד ומתיר לעצמו לעשות דבר זה אבל כשהוא כופלו וחוזר וכופלו נעשה לבסוף עב כעבות העגלה כי אפילו חוט משי כשכופלו הרבה מאד יכול לעשות חבל עב וכ"ש כשיכפול חבל עב באופן זה כמה הוא חזק וכמה הוא עצום, כן הוא בעניננו כי אפילו אם היה האיסור קטן היה נחשב לעון גדול ע"י כפילתו כמה פעמים וכ"ש בזה שהאיסור מצד עצמו הוא ג"כ גדול [שהוא איסור דאורייתא ונעשה בפרסום לפני כמה אנשים] כמה נכפלה רעתה ע"י כפילתה שכופלה את העון לאלפים בימי חייה, גם ידוע הוא מה שאמרו חכמינו ז"ל שמכל עבירה שהאדם עושה בעוה"ז נברא מלאך חבלה אחד הממונה אח"כ ליטול

---

פון זיך אראפ איין מצוה פון די מצות וואס גאט ב"ה האט אונז פאר זאגט אונ אויף דעם זאגט אונז דיא היילינגע תורה גיפלוכט איז דער מענטש וואס ער וועט נישט אויף שטעלין די רייד פון דער תורה צו טאהן זיי דער פשט איז ער וועט ניט נעמען אויף זיך מקיים צו זיין גאר די רייד פון דער תורה פון אהן הייב ביז סוף דען אויב אז דער קנעכט וועט זאגין צו זיין האר אלץ וואס די וועסט מיר הייסין וועל איך טאהן אויסער איין זאך וועל איך דיר ניט פאלגין נעמט ער דאך פון זיך אראפ דעם עול פון זיין האר אונ עס איז בייא איהם רעכט צו טאהן אלץ וואס איהם וועט גיפעלין צו טאהן, פון די רייד קענין מיר פאר שטיין די גרויסקייט פון די עבירה ווען אז די אשה גיוויינט זיך אין דער עבירה צו גיין אין גאס פאר אלע מענטשין מיט אירע אפ גידעקטע האר ווארום זיא באשטימט זיך אויף שטענדיג צו די עבירה אונ אזויא גיפינען מיר אין מדרש שוחר טוב דער וואס באשטימט זיך צו איין עבירה קען מען איהם ניט מוחל זיין אייביג אויף זיינע עבירות אונ דאס איז באוואוסט וואס דער פסוק זאגט אונז אין ישעיה הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה וואס מיינט דער פסוק דען אין דער צייט אז דער מענטש הייבט אהן צו טהן איין עבירה דאכט זיך איהם אין זיין הארץ אונ אין זיינע אויגען וואס זייא ריידין אהן דעם מענטשין צו טאהן די עבירה אז דאס איז גאר אקליינער איסור אונ ער טראכט זיך אז ער מעג דאס טאהן די זאך אונ דער נאך טוט ער דאס עטליכע מאהל ווערט דאס צום סוף גראב אזוי ווי די גראבע שטריק פון וואגין דען דער פאדים פון זייד אז מען זאל איהם אויף לייגין אין פיל ווערט ער אויך איין גראבע שטריק אונ אפשיטא שוין אז מען זאל אויף לייגין אגראבע שטריק אין פיל מאהל ווערט דאס גיווים זייער שטארק אונ גראב. אויף דעם זעלביגען ארט איז אונזער ענין וואס מיר ריידין ווען אפילו אז דאס וואלט גיוועהן אקליינע עבירה וואלט דאס אויך גירעכינט ווערין צו אגרויסע עבירה דורך דעם וואס מען טוט דאס ווי פיל מאהל אונ אפשיטא אז די עבירה אליין איז גרויס פון זיך אליין מחמת דאס איז איין איסור מדאורייתא אונ דאס ווערט נאך גיטאהן פאר פיל מענטשין וואס זייא זעהן אירע האר פון קאפ ווערין זייא אויך נכשל אין דעם הייסט באר[ף] דאך די אשה באריכנען וויא פיל איז אירע שלעכטעס גיטאפילט דען זיא טוט דאס אויף איהר לעבין טויזענטער מאהל. אונ דאס איז באוואוסט וואס אונזערע חכמים ז"ל זאגין אז פון יעדער עבירה וואס דער מענטש טוט אויף דער וועלט ווערט דער פון

נקמתו ממנו עבור זה החטא והסמונים האלו הם כולם המלוים לו לאדם בעת פטירתו כשהוא הולך לבית עולמו, א"כ כמה צריכה האשה שמורגלת בזה החטא להתאונן תמיד על הענין הנורא הזה בזכרה שמכל הליכה והליכה שיצאה לשוק לעיני הבריות בשערותיה המגולות תחת אשר חשבה להתיפות עצמה בזה נברא לה מלאך המשחית ליטול נקמתו ממנה א"כ כמה אלפים מלאכי חבלה מזמינים את עצמם וממתינים על עת פטירתה ללותה וליטול נקמתם ממנה ושם תצעק ותנהום אוי ואבוי על מעשיה הרעים ואין מי יועיל לה וכמו שאמר הכתוב (במשלי ה׳) ונהמת באחריתך בכלות בשרך ושארך, והיא בעצמה תתודה לבסוף על כל העונות שעשתה בעוה"ז כמו שאמרו חז"ל על הפסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו גם ברכות יעטה מורה מלמד שהרשע מתודה כשם שהמצורע מתודה ואומר אני פלוני בן פלוני עברתי עבירה פלונית במקום פלוני ביום פלוני בפני פלוני במעמד פלוני ופלוני וגם מצדיקים עליהם אז את דינם ואומרים לפניו רבש"ע יפה דנת יפה זכית יפה חייבת יפה תקנת גיהנם לרשעים וג"ע לצדיקים [והכונה שאז האדם רואה בעצמו גודל ההשחתה שפעל למעלה בעולמות העליונים ע"י מעשיו הרעים והגביר בזה מאד את כח הקליפות והחיצונים ע"כ הוא מצדיק הדין על עצמו] וכן אמר הגמרא במסכת סוטה (דף ח׳ ע"ב) במדה שאדם מודד בה מודדין לו אבשלום חטא בשערו ונתלה בשערו וכו׳ עי"ש. ולפי זה בענינו שהחטא הוא מצד שערותיה המגולות לעיני הכל בוודאי כל אחד ואחד מהמשחיתים שנבראו מהשערות יענשוה אח"כ בשערותיה

---

באשאפין איין מלאך חבלה וואס ער אליין איז אויף גינומען צוא נעמען זיין נקמה פון דעם מענטשין וואס האט גיטאהן די עבירה אונ פון דעם איז דער מלאך המשחית באשאפין גיווארין וועלכע מלאכים פירען דעם מענטשין נאך זיין טויט פון דער וועלט אויף יענער וועלט היינט וויא פיל דארף די אשה זיך צו באקלאגין אויף דעם וואס זיא איז גיוועזין איין גיוואונט אין דיזע גרויסע פארבאטענע עבירה ווען זיא זאל זיך דער מאנען אז פון יעדער ארויס גיין אין גאס וואס מענטשין האבען גיזעהן וויא זיא גייט מיט אירע האר אויף גידעקט וואס זיא האט בייא זיך באגערינט זיך שיין צו מאכען מיט דעם איז דער פון גיווארין דיא מלאכי חבלה כמה טויזענט וואס זייא ווארטין אויף די צייט פון איר טויט אונ זייא באגלייטין איר צו נעמען זייער נקמה פון איר אונ וויא דיא זעהט זיך ארום שרייט זיא אונ זיא ברומט צו זיך אליין אוי וויי גישרגען אויף מיינע שלעכטע מעשים וואס איך האב גיטאהן אבער קיינער קען איר ניט העלפין אונ אזוי גיפינען מיר אין פסוק משלי ונהמת באחריתך בכלות בשרך ושארך דער פשט דער פון איז דיא וועסט ברומען אין דיין סוף ווען אז עס וועט זיך קאנטשען דיין לייב אונ פלייש. אונ קיינער וועט דיר ניט העלפין, אונ זיא אליין איז זיך מתודה אונ ער זאגט איך פב"פ איך האב עובר גיוועזין יענע עבירה אין יענעם ארט אין יענעם טאג אין יענע קאמפאניע מענטשין וואס זענען גיוועזין דער בייא אונ זייא מאכען גירעכט אויף זיך דעם דין פון גאט ב"ה זייא זאגין פאר גאט ב"ה רבש"ע יפה דנת יפה זכית יפה חייבת יפה תקנת גיהנם לרשעים וג"ע לצדיקים דער פשט איז זייא זאגין רבש"ע די האסט גוט גישפט אונ גוט גירעכט גימאכט גוט האסטו באשולדיגט שיין אונ גוט וואס דיא האסט באשאפין דעם גיהנם פאר דיא רשעים אונ ג"ע פאר דיא צדיקים דארום עס איז דינע אז מיט די גליד וואס ער האט גיזינדיגט ווערט ער נאך דעם גישפט אונ אזוי לערינט אונז דיא גמרא אין סוטה אז אין דיא מאס וואס אמענטש מעסט אזוי מעסט מען איהם אפ, אבשלום האט גיזינדיגט מיט זיינע האר איז ער אויף גיהאנגען גיווארין פאר דיא האר, ע"כ וויל אונזער רייד איזדאך צו ליב דיא עבירה פון די האר וואס עס איז בייא די ווייבער ענדעקט פאר אלעמען אונ דער פון ווערין באשאפין משחיתים וואס זייא באשטראפין אליין די אשה דער פאר דרום זאל יעדער מענטש זיך באקערין בשעת ער לעבט

גופא בגיהנם, על כן יתבונן האדם בכל זה בעודו בחייו וילך בדרכי השי"ת וינצל מכל צרה :

# פרק רביעי

## בו יבואר פיתוי היצר שיש בענין זה.

ואל יטעה אותה היצר שתנצל מן הדין מפני שהיתה צריכה להתקשט עצמה לעיני בעלה שלא תתגנה עליו כי באמת זוהי טעות דוהו שייך רק בביתה לבד ולא בשוק ועוד דגם בביתה היה לה עצה לילך באיזה כיסוי נאה או בפאה נכרית (פארוק) על ראשה ולא לגלות שערותיה. והנה כאשר נתבונן נמצא ששתי סיבות גורמות לזה העון לבוא, אחד מפני העצלות שמתעצלת לטרוח בכל יום ללבוש איזה כיסוי על שערה ועוד מפני פיתוי היצר שמסיתה ליפות את עצמה לפני בני אדם ולהתקשט בשערותיה ועל שתיהן היא עתידה ליתן דין וחשבון, ובאמת כמה צריך האדם לירא ולפחד כשיתבונן בעניניו שלבסוף כשיעלה למעלה לפני כסא כבודו יתברך ליתן דין וחשבון ויראה את הדר כבוד אלהינו איך שיש לו כמה אלפים רבבות כתות של מלאכי השרת שעומדים תמיד לפני כבודו יתברך וכמאמר הכתוב אלף אלפים ישמשונה ורבוא רבוון קדמוהי יקומון וכולם זעים וחלים מפניו ועושים באימה רצון קונם כשיראה האדם כ"ז איך לא יבוש אז מעצמו אשר בשביל איזה עצלות או בשביל איזה הנאה קלה בעוה"ז ליפות את עצמו לפני בני אדם ולהתקשט לפניהם אשר המה ג"כ גושי עפר כמותו עבר כמה

---

אז ער זאל זיין אפ גיהיט פון דעם אונ ער וועט בזכות זה ניצול ווערין פון אלע צרות אמן כי"ר :

אין דעם פרק ווערט באשיידעט דיא איבער ריידונג פון יצר הרע וואס דא איז :

ואל יטעה דער יצה"ר זאל זיא ניט נארין דיא אשה אז זיא וועט ניצול ווערין פון דין וייל זיא האט זיך גידארפט אויס צירין פאר דעם מאן אז זיא זאל ניט מיאוס ווערין אויף איהם ווארום אין אמת איז דאס אטעות, איינס איז אז דאס קען דאך זיין מער ניט ווייא אין שטוב אבער ניט גיין אין גאס אפ גידעקט די האר אונ אפילו אין שטוב קען זיא אויך צו דעקין די האר מיט איין צודעק אדער מיט אפארוק אונ ניט גיין ענדעקט די האר, והנה אז ווען מיר זאלין דאס באקלערין גיפינען מיר אז עס איז דא זאכין וואס זענין איר גורם צו טאהן דיא עבירה, דאס ערשטי זאך איז מחמת פולקייט וואס זי פוילט זיך דען עס איז בייא איר אטירחה אלע טאג אהן טאהן עפעס בכבדי עס זאל זיין צו גידעקט די האר, אונ דאס אנדערע איז וייל דער יצה"ר רעט איר אהן אז זיא זאל זיך מיט דעם באשיינען פאר אירע גלייכענעס מיט אירע האר אונ אויף די ביידע זאכין איז זיא אהן גיברייט צו געבין דין אונ חשבון ווארום אין אמת וויא פיל דארף אמענטש מורא האבין אונ שרעקין זיך אז ער וועט באקלערין זיינע פירונג דען צום סוף וועט דאך יעדער מענטש דארפין ארויף גיין אין דער הייך פאר דעם כסא הכבוד פון ית"ש אפ צו געבין דין אונ חשבון אונ ער וועט זעהן די שיינהייט אונ דעם כבוד פון גאט ב"ה אז עס איז דא וויפיל טויזענד אונ צעהן טויזענטער כתות פון מלאכי השרת וואס זייא שטייען שטענדיג פאר דעם כבוד פון גאט ב"ה ית"ש אזוי וויא אין פסוק שטייט טויזענט מאהל טויזענט באדינען איהם אונ צעהן מאל צעהן טויזינד שטעלין זיך פאר איהם אונ אלע ציטערין פאר איהם אונ אז דער מענטש וועט דאס אלץ זעהן וויא וועט ער זיך ניט שעמען אז צו ליב זיין פולקייט אדער צו ליב וועלכע הנאה אגרינגע וואס ער טוט אויף דער וועלט צו באשיינען זיך אונ אוים צו צירען זיך פאר מענטשין וואס זייא זענען שטיקער ערד אזוי וויא

ער

פעמים על רצונו של המלך ה׳ יתברך אשר הוא אלהי כל הצבאות האלו ובפרט כשישאלוהו ויאמרו לו טפה סרוחה איך לא יראת למרוד בבוראך עמוד בדין והכר מעשיך [כי כל אחד מפעולותיו שעשה בעוה״ז כולם באות ועומדות לפניו בעת הדין להעיד עליו כמו שאמרו חז״ל] ואם אין אתה יכול להשיב מי יכול להשיב עבורך כמה יכוסה אז כלמה פניו, והנה התנא אמר הסתכל בשלשה דברים וכו׳ ולאן אתה הולך למקום עפר וכו׳ ולפני מי אתה עתיד ליתן וכו׳ מה שאמר הכל בלשון נוכח אתה הולך אתה עתיד ולא אמר בלשון נסתר יסתכל האדם בשלשה דברים מאין בא ולאן ילך ולפני מי הוא עתיד ליתן דין וכו׳ כי באמת אנו רואין בחוש שכל אדם יודע בבירור כשהוא הולך ללוות המת או לבית האבל שהאדם עתיד למות ואעפ״כ אין פועל זה בנפשו פעולה רבה ולפעמים אינו פועל כלל והכל מטעם שהוא מצייר רק שפלוני מת אבל התנא הורה לנו שהעיקר שהאדם יצייר בנפשו תמיד את מצבו העתידי שיולד ממנו שהוא הוא אשר יעשה לבסוף רמה ותולעה והוא הוא אשר יצטרך ליתן דין וחשבון לפני מלך העולמים אשר לא ישא פנים ולא יקח שחד ולזה אמר אתה הולך אתה עתיד וכשיתבונן האדם כל זה בעודו בחייו בוודאי שהשם יתברך ייטיב לו בזה ובבא:

---

ער איז האט ער עובר געוועזין ווי פיל מאהל אויף דעם רצון פון דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה ית״ש וואס ער איז דער גאט פון די אלע הערשאפט אונ בפרט אז מען וועט אים פרעגין די טפה סרוחה וויא האסטו זיך ניט גיפארכט צו ווידער שפעניגען אין דיין באשעפער שטעל זיך צום דין אונ דער קען דיינע מעשים די שלעכטע ווארום איטליכעם ווערק וואס ער האט גיטאהן אויף דער וועלט קומען אלע אונ שטעלין זיך פאר איהם בשעת הדין עדות זאגין אויף איהם אזוי ווי עס שטייט אין מדרש אונ אין דער גמרא אונ דו אליין וועסט אויף דעם נישט האבין קיין ענטפער ווער וועט קענען ענטפערין פון דיינעט וועגין וויא פיל שאנד וועט צו דעקין דעם פנים פון דעם מענטשין. אונ אזויא לערינט אונז דער תנא אין פרקי אבות קוק זיך איין אין דריי זאכין וועסטו נישט קומען צו איין עבירה די זאלסט וויסען פון וואנעט דו קומסט אונ וואו דו גייסט אונ פאר וועמען דו דארפסט געבין דין אונ חשבון ווארום זאגט דער תנא מיט דעם לשון נוכח אזוי ווי דער מענטש שטייט אנטקעגין אונ פאר וואס זאגט ער ניט מיט דעם לשון פון נסתר אזוי ווי דער מענטש איז נישט דא דער ביי ווארום אין אמת זעהן מיר אז יעדער מענטש ווייסט קלאר אז ער גייט באלייטין אמת אדער אין אבית האבל דארף ער דאך בארעכענין אז ער וועט אויך שטארבין דארף דאך איהם מאכין אגרויסען איין דרוק בשעת ער זעהט דאס ווארום אזוי שטייט והחי יתן אל לבו אונ פון דעסט וועגין ווירקט דאס אין איהם נישט קיין גרויסע ווירקונג אונ אפילו אקליינע ווירקונג אויך נישט וואס איז די סבה דער פון וויל ער בארעכינט אליין אז יענער איז גישטארבין, אונ אויף זיך דער מאנט ער נישט דארום מעלט אונז אפ דער תנא אז דער עיקר איז אז דער מענטש זאל זיך אפ מאלין בייא זיך אז ער אליין וועט גיטאהן ווערין רמה ותולעה אונ ער אליין וועט דארפין געבין דין וחשבון פאר דעם מלך חי וקיים וואס ער פאר טראגט ניט קיין פנים אונ ער נעמט ניט קיין אונטער קויפונג דארום זאגט ער אליין מיט דעם לשון נוכח דיא אליין ביזט אהן גיברייט צו זיין וויא דוא זעהסט וויא יענעם ווערט גיטאהן, אונ אז דער מענטש וועט דאס גוט באקלערין די גאנצע צייט פון זיין לעבין וועט ערגעווים תשובה טאהן וועט איהם גוט זיין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט אכי״ר:

# פרק חמישי

## בו יבואר עוד פיתוי היצר שיש בענין זה

**גם** אל יפתה היצר לאמר הלא לא יחידה אני בעיר בדבר זה כמו שיהיה שם עם שאר בנות ישראל נשי העיר היוצאות פרועות ראש לשוק כן יהיה עמדי. אמשול לך משל למה הדבר דומה לאחר שנתפס ונחבש בבית האסורים על איזו עלילה וימר לו שם ויהי לו שם יום לשנה ויבואו אליו אחיו ובית אביו לנחמו ויספרו לו כי זה מקרוב אירע דבר כזה במדינה אחרת לאדם אחר פלוני אלמוני וגם הוא נחבש באופן קשה כזה ממש, ויען ויאמר להם הכזה נחום הוא אלי, אבל הוא אלי, אלו הייתם מספרים לי שלבסוף ניצול אותו פלוני מזה העונש אפשר שהייתם מפיגים לי דאגותי במקצת עי"ז או עכ"פ אם הייתם מספרים לי שפלוני אלמוני נתפס ג"כ על ענין זה והיום או מחר יהיה ג"כ נחבש עמי בחדרי אפשר שזה היה ג"כ קצת נחום אלי כאשר אראה שאינני יחיד בדבר הזה אבל עתה שהוא נחבש במדינה אחרת מה יוסיף לי שמחה מזה אם מכים וחובשים עוד אדם, וכן נמי ככה בענינינו ממש מה שמחה יגיע לו לאדם אם עוד אדם עובר עבירה וגם הוא נחבש באופן קשה כזה במקום אחר הלא מקום הגיהנם ידוע הוא שהוא גדול מאד, שכל העולם הוא אחד מכמה אלפים בגיהנם כמו שאמרו חז"ל בפסחים דף צ"ד ע"א עי' שם ויש בידו לתפוס למאות ולאלפים אנשים אשר כל אחד

---

אין דעם פרק וועט באשייט ווערין נאך איין ענין
פון דיא איבער ריידונג פון דעם יצר הרע:

הנה. דער יצה"ר זאל דיר דאס אויך ניט אהן ריידין ווארום זאל איך זיין פרומער פאר אלעמען דען עס איז דא אין שטאט אסאך ווייבער וואס זייא גייען מיט אייגענע האר אונ וויא עס וועט זיין מיט אלעמען אזויא וועט זיין מיט מיר, וועל איך דיר גלייכין צוא וואס דיא זאך איז גלייך איינעם האט מען אהן גינומען אונ מען האט איהם גישמיט אין קייטין אונ מען האט איהם אריין גיזעצט אין טיורמע וויל מען האט אויף איהם גימאכט איין בלבול אונ דארטין איז איהם זייער ביטער גיוועזין אז בייא איהם איז גיוועזין פאר רעכינט א טאג זיצען פאר א יאהר וויל ער זיצט אין טיורמע וואו דיא רעכטע שולדיגע זיצען. זענען גיקומען צו איהם זיינע ברידער אונ זיין פאטערס הויז גיזינד צו טרייסטין איהם אונ זייא דער צייליןן איהם אז ניט לאנג האט זיך גיטראפין מיט אמענטשין אין יענער לאנד וואס דו קענסט איהם אז איהם האט מען אויך גיזעצט אין טיורמע גישמיט אין קייטען אזויא וויא דיר האט גיטראפין האט ער זייא גיענטפערט אונ האט אזויא גיזאגט צוא זייא איז דאס דען איין טרייסטונג פון אייך פאר מיר דאס איז נאך מער טרויערדיג פאר מיר ווען אז איהר וואלט מיר דער צייליןן אז יענער איז ניצול געווארן צום סוף וואלט איהר מיר אביסעל גיטרייסט אויף מיינע טרויערדיקייט דורך דעם אבער עכ"פ ווען אז איהרווילט מיר דער צייליען אז יענער וועט מיט מיר צו זאמען זיצען אין איין חדר וועט מיר זיין פריילכער וואלט איך זיך אויך טרייסטען אביסיל אבער יעצט אז ער איז אין יענע לאנד אונ איך בין דא וואס קען דאס מיר צו געבען א שמחה אז עס איז דא נאך איינער אין מיין גלייכין וואס מען וועט איהם אויך שלאגין אונ שמידין אין קייטין אזוי וויא מיר, אויף דעם זעלבינגען אופן איז דיא ענינים וואס פאר אפרייד קען זיך דער מענטש נעמין ווען אז נאך אמענטש טוט איין עבירה אונ ער וועט אויך באשטראפט ווערין אין גיהנם אזויא וויא זיין גלייכין אין איין אנדער ארט דען דאס ווייסט מען דאך אז דער ארט פון גיהנם איז זייער גרויס אז דיא גאנצע וועלט איז איין וויא פיל טויזענד חלק פון גיהנם אזויא וויא די חכמינו ז"ל זאגין אונז אין מסכת פסחים אונ דער

גיהנם

יהיה רחוק מחבירו כמה מאות פרסאות ולא יראה ולא ישמע מחבירו כלל וביותר שאש של גיהנם איננו כמו אש שלנו שהוא מאיר אלא שהוא אש של חשך (דהיינו שאין בו רק כח השורש ולא כח המאיר כלל) וכדאיתא במדרש שהחשך שהיה בתחלת בריאת העולם נשאר בגיהנם א"כ אין כל אחד רואה את חבירו ולא שומע ממנו כלל אלא כל אחד בוכה וצועק אוי ואבוי במקומו, כמה גדול הוא עונש הגיהנם שאמרו חז"ל שכמה מיני אש יש בגיהנם יש בה נחלים כהרים ויש בה נחלים כגבעות ויש בה נחלים כים המלח ויש בה כאבנים גדולות ויש בה נהרות של זפת ושל גפרית מושכין ורותחין, וכשנגזר דין ח"ו על הרשע לירד לגיהנם הוא מוריד דמעות כ"כ עד שנעשה מזה כמו מעין וכמו שאמרו חכמינו ז"ל על הפסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו כי הגיהנם נקרא עמק הבכא, וראה כי אפילו אדונינו דוד המלך ע"ה כשהיה נזכר מענין גיהנם היה מזדעזע מאד וכמו שאמר הכתוב סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי וידוע דפחד הוא מרמז על הגיהנם, ויבואר הכתוב עפ"י מה שכתב הגר"א ז"ל במשלי דכל זמן שהנפש איננה מטוהרה מעונש הגיהנם סובל גם בשר האדם והוא החומר יסורים בקבר וזהו כונת הכתוב סמר מפחדך בשרי היינו ע"י הפחד והוא הגיהנם גם הבשר מקבל יסורים כמו אם היו תוקעין אותו במסמרים, וממשפטיך יראתי היינו הנפש מתיראת מן המשפט אשר היא נותנת לפני כסא כבודו יתברך. המקום יזכנו

---

גיהנם איז איין ארט וואס דארטין קענען זיין טויזינטער מענטשין אונ יעדער איז ווייט פון זיין חבר וויא פיל הונדערט מייל אונ איינער זעהט נישט אונ הערט נישט פון זיין חבר. אונ נאך מער ווען דער פייער פון גיהנם איז ניט אזויא וויא אונזערע פייער וואס עס לייכט בייערט אפייער פון פינסטער וואריום ער האט אין זיך מער ניט וויא אכח צו ברענען אבער נישט צוא לייכטין אונ אזויא וויא עס שטייט אין מדרש אז דיא פינסטערניש וואס עס איז געוועזין אין אן הייב פון באשאפין די וועלט איז געבליבען אין גיהנם. אז יא אזויא פאר שטייט מען אז איינער זעהט נישט דעם אנדערין נאר יעדער שרייט אויף זיין ארט אוי אונ וויי געשריגען וויא גרויס איז דער שטראף פון גיהנם וויא עס זאגין אונז דיא חז"ל אז עס איז דא וויא פיל ערליי פייער עס איז דא קוילין פייער וואס זייא זענען גרויס וויא בערג אונ וויא די העכסטע בערג אונ וויא דער ים המלח אונ וויא די גרעסטע שטיינער הייגט גיפינט זיך טייכין פון פייער טייכין פון שוועבעל ציען זיך זודיגע. אונ אז עס ווערט נגזר דער דין ח"ו אויף דעם רשע צו נידערין אין גיהנם מאכט ער נידערין אזוי פיל טרערין ביז עס ווערט דער פון אזוי וויא אקוואל אונ אזוי זאגין אונז דיא חכמינו ז"ל אויף דעם פסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו דער פשט איז דער פון די וואס פארין איבער די טיפיגעס פון גיוויין מאכען זיי דארטען אקוואל פון טרערין דען דער גיהנם ווערט גירופען עמק הבכא. אונ אז מען זאל גוט באטראכטען קען מען זעהן אז דוד המלך ע"ה ווען אז ער האט זיך אויף זייער גיפארכט אונ גיציטערט אזוי וויא מיר גיפינען אין זיינע רייד סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי אונ דאס איז באוואוסט אז דער ווארט פחד מיינט מען דאס גיהנם אונ דאס גיפינט מען די רייד פון פסוק אין דיא הייליגע ווערטער פון דעם ווילנער גאון אין משלי אז דיא צייט וואס דער נפש איז נישט ריין פון דעם עונש גיהנם איז דער קערפער וואס ער ווערט אהן גירופין בשר לייט ער יסורים אין קבר איז דאס די כוונה פון פסוק סמר מפחדך בשרי דורך דעם פחד פון גיהנם איז דער קערפער גנעמט צו יסורים אזוי וויא מען וואלט איהם דורך שטעכין מיט טשוועקים אונ פאר זיין משפט האב איך מורא דאס איז די נשמה וואס זיא דארף געבין דין אונ חשבון פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה. גאט ב"ה זאל אונז מזכה זיין אז מיר זאלין תשובה מאהן צו איהם באמת אונ ער זאל זיין אין אונזער הילף אז

מיר

להיות מהשבים אליו באמת ויהיה הוא עמנו בעזרתנו ולא נירא רע וכמו שאמר הכתוב גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי:

# פרק ששי

## בו יבואר גודל החיוב להבעל להוכיח לאשתו בזה.

**הנה** ידוע דהוכחה היא מ"ע דאורייתא כמו דכתיב הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא ואמרו חז"ל כל מי שיש לו למחות באנשי ביתו ואינו מוחת נתפס בעון אנשי ביתו, א"כ לפי זה כמה גדול החיוב על הבעל למחותה בעון זה ולהעריך לפניה את גודל האיסור שיש בהולכת בשוק פרועת ראש או בגילוי זרועותיה לבני אדם וגם שהיא מקלקלת בזה שאיננה מתנהגת בדרכי הצניעות להבנים הנולדים לו ממנה וכמו שנכתב לקמן בפרק ז' ואפילו אם הולכת פרועת ראש רק בביתה לבד ולא בשוק עכ"פ היא מקלקלת בזה לכל דבר קדושה שהוא אומר בעודו בהיו דהיינו כפי הרגל כל איש ואיש בביתו להתפלל ולברך המוציא וברכת המזון וכל הברכות ולקרות בתורה וקשה מאד ליזהר כשאשתו הולכת בביתה פרועת ראש שלא לאמר שום דברי קדושה נגדה, ואל יחשוב האדם בנפשו לאמר כבר אמרתי לה פעמים ושלש ואיננה שומעת לי ומה לי לדבר עוד בענין זה, יתבונן האדם בעצמו האם היה מתנהג כן כשהיה רואה שאשתו מקלקלת כל עסקיו שהוא עושה בוודאי היה צועק מר עליה לאמר מה תעשי

---

מיר זאלין נישט מורא האבין פאר שרעקעניץ אונ אזוי וויא אין פסוק שטייט ווען איך וועל גיין אין דעם טאהל וואס דאס איז דער שאטן פון טויט האב איך נישט מורא פאר שרעקעניץ וואָרום דוא ביזט מיט מיר אמן כי"ר:

אין דעם פרק וועט באשייט ווערין וויא גרויס איז דער חיוב
אויף דעם מאן אז ער זאל שטראפין זיין ווייב אונ ער זאל איר
געבין צו פאר שטיין מיט אמשל וויא דא וועט ארום גיזעגט ווערין:

הנה, דאס איז וויסענליך: אז ווען איינער זעהט איין עבירה פון דעם אנדערין איז א מצות עשה פון דיא הייליגע תורה אז מען זאל איהם זאגין אז מען טאר דאס נישט טאהן דען אזויא שטייט אין פסוק הוכח תוכיח את עמיתך דאס מיינט מען אז מען זאל דאס איהם ערקלערין אז מען טאר דאס נישט טאהן אונ אונזערע חכמינו ז"ל זאגין אונז אז דער וואס קען ווערין אין דיא סענטשין פון זייגע הויז לייט אונ ער ווערט זייא נישט ווערט ער אהך גינומען ווערין צו ער זאל גישטראפט ווערין פאר דעם, הייסט אז עם איז אזוי דארף וויסען יעדער מאן וויא גרויס עם איז דער חיוב אויף איהם צו ער זאל ווערין זיין ווייב אז זיא זאל נישט גיין וויא דיא פריצות מיט איהרע האר פון קאפ אדער וויא אנדערע פריצות היינו דיא ארעמס ענדעקט דען אז זיא איז נישט גיהיט אין דעם פירונג פון צניעות קומען פון איר ארויס נישט קיין פרומע קינדער חלילה אזוי וויא ווייטער וועט שטיין אין פרק ז', אונ אפילו אז זיא גייט אפ גידעקט דיא האר מער נישט נאר אין שטוב אין גאס פון דעסט וועגין איז זיא מקלקל אלע הייליגע רייד וואס ער רעט אין שטוב היינו דיא תפילות וואס קען מער נישט זיין וויא אין שטוב אונ המוציא אונ בענטשין אונ קריאת שמע אונ נאך אזעלכע ברכות אונ לערנען אין שטוב איז דאס שווער אז מען זאל זיין גיהיט אז מען זאל נישט זאגין דיא הייליגע רייד קעגין איהר, אונ ער זאל בייא זיך נישט רעכענין איך האב שוין איהר גיזאגט וויא פיל מאהל אונ עס העלפט נישט דערפאר וואס איז דיא עבירה פון דיא איבעריגע רייד דארף דער מענטש בייא זיך באטראכטין ווען אז ער וואלט זעהן אז זיא פירט איהם איבער

לבד שאין את מסייעת לי עוד תקלקלי כל מחיתי במה נחיה אני וכל אנשי ביתי האם נמות מפני שטותך והיה מתחכם בכל מיני עצה להעריך לפניה את גודל שטותה פעם בלשון רכה ופעם בלשון קשה עד שהיתה מתבוננת בעצמה להסיר אולתה מעליה כן בענינינו צריך תמיד להוכיחה בענין זה ולהעריך לפניה את גודל הקלקולים היוצאים מזה שיהיה ע"ז מר באחרית גם לה גם לו שימצא ע"ז כמה מאות ואלפים תפלות וברכות שהיו שלא כהוגן עד שע"ז תתרצה היא בעצמה לילך בכיסוי (איזה בגד או פארוק) על שערה. ואמשול לך משל למה הדבר דומה, לסוחר אחד גדול שהיה דר בעיר מלוכה ומסחרו היה באבנים טובות ומרגליות ואשתו היתה נושאת ונותנת בתוך העסק הזה, והבעל היה דרכו ליסע תמיד למדינות רחוקות לקנותם ולשלחם פה לבית מסחרו. ויהי היום ויבואו שרי מלוכה לבית הסוחר הזה ויאמרו להאשה שמענו על בעלך כי הוא סוחר גדול והוא מבין באבנים טובות ומרגליות ועתה הגיע זמן לכתור את מלכנו בכתר

---

די געשעפטין דורך דעם וואס ער זאגט איהר אונ זיא פאלגט איהם נישט דאן וועט ער צוא איהר זאגין גינוג וואס איך האב נישט פון דיר קיין הילף אין געשעפט מאכסטו מיר נאך ערגער וויא וועלין מיר לעבין מיט אונזערע קינדער צו לעבין ביז דוא בימט פאר נארט זאלין מיר אוועק גיין פון דער וועלט אהן צייט אונ ווען זיא הערט נישט צו, קלינגט ער זיך וויא ער זאל איהר איבער ריידין אז זיא זאל נישט זיין פאר נארט אפט מאהל מיט גוטע רייד אונ אויב עס העלפט ניט מיט גוטע רייד איז רעכט זיך צו קריגען מיט איהר ביז זיא מוז אוועק ווארפין איהר פירונג אז זיא זאל דאס ווייטער נישט טאהן, אונ אזויא איז אויך אונזער ענין וואס מיר ריידין וועגין דעם דארף דער מאן מיט איהר שטענדיג ריידין אונ געבין איהר צו פאר שטיין וויא גרויס עס איז די שטרויכלונג וואס עס קומט ארויס פון דעם, אונ דיא צייט וואס וועט קומען נאך דעם קען זיין זייער שלעכט דען השי"ת ווארט ביז דער צייט וואס דער מענטש זאל זיך אליין באקלערין זיינע מעשים רעים וואס ער האט גיטאהן אונ ער זאל תשובה טאהן אויף זייא רעכינט איהם גאט ב"ה זיינע שולדיגע עבירות פאר מצות אונ ווען אז דער מענטש גייט ח"ו אין דיא שלעכטע וועג אונ ער באדענקט זיך נישט תשובה צוא טאהן קומט אויף איהם אזוי איין צייט וואס מען נעמט בייא איהם חשבון אויף די יודישע עבירות אונ דער נאך זוכט מען אויך צו שטראפין איהם אפילו אויף דיא עבירות וואס ער אליין טוט נישט נאר אז ער האט גיקענט דאס פאר היטין אונ ער האט דאס נישט פאר היט אז עס זאל דאס ניט ארויס קומען נעמט ער דעם זעלביגען פסק אזוי וויא ער אליין וואלט דאס גיטאהן ווארום דער אמת איז ווען אז די אשה גייט אין דיא האר אז עס זעהט זיך ארויס ווערט מען דאך נכשל דורך איהר אונ וויא פיל טויזענד ברכות אונ תפילות ווערט גיזאגט נישט וויא גיהעריג אין דורך איהר אונ אז מען זאל איר געבין צוא פאר שטיין וויא גרויס איז דיא עבירה דער פון וועט זיא אליין מרוצה ווערין אז זיא זאל זיין ווייטער אפ גיהיט צו גיין צוא גידעקט דיא קאפ, אונ מיר וועלין דאס דורך ריידין מיט א משל צו וואס דאס איז גיגליכין, עס האט זיך גיפאסירט איינער האט גיוואהנט אין א שטאט וואס דארט קריינט מען דעם מלך אונ דער מענטש האט גיהאנדילט מיט טייערע אבנים טובות אונ דימאנטין אונ דעם געשעפט האט גיפירט זיין ווייב אונ ער אליין איז גיוועזין שטענדיג נישט אין דער היים דען זיין שטייגער איז גיוועזין אז ער פלעגט אוועק פארין אין ווייטע לענדער אויף קויפין אונ אפ שיקען אהיים אין הויז פון זיין געשעפט ויהי היום עס זענען גיקומען די שרים פון דער מלוכה אין הויז פון דעם סוחר אונ זייא האבין גיזאגט צו דיא ווייב פון סוחר מיר האבין גיהערט אז דיין מאן איז א גרויסער פארשטענדיגער אויף דימאנטווארג ע"כ אזויא וויא יעצט איז דיא צייט אז מיר דארפין קריינען אונזער קעניג אין די קרוין פון מלכות זענען מיר דיר מודיע אז די זאלסט זעהן אונז צו שאפין

טייערע

המלוכה ונצרך לנו אבנים טובות ויקרות האם יש כזה בבית מבתך. והען ותאמר אבנים באלה שהן יקרות למאד וראויות רק להנתן בכתר המלך אין לי ורק אכתוב לבעלי שישתדל להשיגם למען כבוד מלכנו. ויענו ויאמרו לה דעי נא כי תשורה גדולה תשיג ע"ז מאת המלך אך הזהרי והזהרי שלא יהיו ח"ו אבנים מזויפות כי בעת הכתרת הכתר מתקבצין כמה וכמה מלכים שהם מבינים גדולים על אבנים כאלה והיה אם ימצא ח"ו שום זיוף בהן יהיה בזיון גדול להמלך ולנו המתעסקים בדבר הזה וגם לך יבולע ח"ו על ידי זה ע"כ הזהרי בדבר הזה. והען ותאמר אין דרכי ודרך בעלי מעולם לסחור באבנים מזויפות ובפרט בדבר הנוגע לכתר מלכות, ותיכף כתבה לבעלה מכתב שיזרז עצמו לקנות אבנים יקרות למאד שתהיינה ראויות להנתן בכתר המלך ויראה להשגיח שלא יהיה שום זיוף בהן, והשיב הבעל אבנים יקרות כאלה יש לי ואני שולחם אליך אך ליתנם לכתר המלך הוא ענין נורא מאד ע"כ אף שאני דרשתי קצת אצל מבינים ואמרו שאינן מזויפות גם את בבואם לידך הזהרי מתחלה להתבונן בהם ולהראותם למבינים אם אין בהם זיוף ואח"כ למסרם לשרי המלוכה. ויהי כבוא המכתב עם האבנים היקרות לידה וראתה שכתבה בעלה שלפי דעתו אינן מזויפות מרוב חמדתה להרווחת הממון והשוקת הכבוד שתוכל להתפאר לעיני הכל ולהתקשט לפניהם באותות הכבוד (ארדער) שיותן לה עבור זה מאת המלך לא חששה לצווי בעלה לחקור עוד אחר זה ותיכף

---

נייערע דימאנטין אז מיר זאלין קענען געבין אין קרוין פון מלכות האט זיא זייא גענטפערט יעצט האב איך נישט נאר איך וועל שרייבין צו מיין מאן אז ער זאל זעהן דאס צו זוכין אונ צו גרייכין דאס בכדי אז מיר זאלין קענען דאס דער ווייזין צו דער צייט וואס אונזער קעניג בארף באקומען דעם כבוד פון אגעמען דיא מענטשין וואס זענען גוטע פריינד דעם מלך ענטפערין אונ זאגין צו איהר דיי וויסין ווען אז דו ווערסט דאס אונז שאפין וועסטו באלוינט ווערין פון אונז אונ די גרעכטע געשאנק וועסטו באקומען פון מלך נאר היט זיך זייער אז עס זאל ניט זיין ח"ו קיין פאלשע דימאנטין דען אין דער צייט וואס מען קריינט דעם מלך קליידין זיך אויף פירסטען וואס זייא זענען גרויסע פערשטענדיקע אויף דימאנטען אונ ווען עס וועט געפונען ווערין ח"ו אפאלשקייט עט וואס וועט זיין דיא גרעכטע שאנדע פאר דעם מלך אונ פאר אונז מענטשין וואס מיר האבין געשאפט אזעלכע פאלשע דימאנטען אונ פאר דיר קען זיין נאך ערגער ח"ו דורך דעם דערום זאלסטו דו זיין זייער גיהיט. וויא די מענטשין ריידין דאס צו איהר ענטפערט זיא זייא אז איך מיט מיין מאן האנדלען מיר ניט קיין מאהל מיט פאלשע דימאנטין אונ בפרט יעצט וואס דאס איז נוגע אין קרוין פון מלך וויא מען האט דאס מיט איר אפ גירעט האט זיא גלייך גישריבען צום מאן אבריף אז ער זאל זיך צו היילין אונ צו קויפין אבנים טובות אז מען זאל דאס געבין אין קרוין פון מלך אונ ער זאל גוט זעהן אז עס זאל ניט זיין קיין פאלשע אונ דער מאן האט איר גיענטפערט איך שיק דיר אבנים טובות אונ דוא זאלסט זעהן פריער צו קען מען דאס ניצען פאר דעם כתר המלך דערום ווען אפילו איך האב שוין נאך גירעגט בייא מבינים אונ זייא האבין מיר גיזאגט אז עס איז נישט קיין פאלשע נאר אז דאס וועט אהן קומען צוא דיר זאלסטו זיין גיהיט אונ צוא פאר שטיין אונ נאך פרעגין בייא גרויסע מבינים אונ נאך דעם זאלסטו איבער ענטפערין זייא צו די הארין פון קעניג. ויהי היום וויא עס איז גיקומען דער בריף מיט דיא אבנים טובות צו איר אין האנד אונ וויא זיא האט גילייענט דם בריף אז ער רעכינט אז דאס איז ניט קיין פאלשע דימאנטין אונ וויא זיא האט ביי זיך גירעכינט אז זיא וועט באקומען פיל געלט אונ זייער פיל כבוד אז זיא וועט זיך קענען באריהמען פאר צלעמען אונ זיא וועט באווייזין דעם ארדער וואס זיא האט באקומען צו ליב דעם פון מלך האט זיא קיין מורא נישט גיהאט וויא דער מאן האט

איר

גלתה לבית המלך כי נשלחו לה האבנים טובות ויבואו לביתה שרי המלוכה ויטלום וישלמו לה בכסף מלא ובהשורה גדולה לזה . ויהי בהגיע זמן הכתרת המלך ויתקבצו כמה מלכים ויתהלל המלך לפניהם כי נשלחו לו ממדינה רחוקה אבנים יקרות מאד עבור כתרו , ויהי כראותם את האבנים הכירו שהם מזויפות ועי"ז היה המלך לבוז ותיכף שלחו אחר האשה וירעמו עליה בקול גדול לאמר ענש מות עליך כי הלא התרינו בך שתזהר שלא יהיה שום זיוף בהן כי דבר זה נוגע לכתר המלך ובזיות בזה כבוד המלך . ותען ותאמר אין עלי כ"כ האשמה כי הלא אנכי כתבתי לבעלי והזהרתיו שלא יהיה שום זיוף בהן ומה פשעי בזה ויביאו גם את הבעל להמשפט ויאמרו לו אתה שלחת את האבנים האלה המזויפות אשר היו סיבה לבזות את כבוד המלך וכתרו , ויאמר הן אבל לא היה כונתי ח"ו לבזות את כבוד המלך רק שהמוכרים רמוני וגם הלא אנכי כתבתי לאשתי שהיא תראה עוד להמבינים הגדולים מתחלה ולא למסרם תיכף לקבעם בכתר המלוכה , ויצעקו עליו לאמר בדבר הנוגע לכתר המלך היה לך בעצמך לחקור אודו"ז היטב מתחלה ולא לסמוך על האשה דדעתה קלה עליה ע"כ תחת הכבוד שהייתם מקבלים מאתנו אם הייתם הולכים בעסק זה באמונה עתה משנה קלון תירשו ווירידום שניהם לבית האסורים

---

איר געשריבען אז זיא זאל נאך פרעגען צוא איז עס נישט קיין פאלשע אונ זיא האט גלייך אהן געזאגט צום מלך אז מען האט איהר געשיקט אבנים טובות איז מען געקומען צוא איהר אין שטוב דיא שרים פון מלך אונ מען האט דאס צו גענומען אונ מען האט איהר באצאלט וויא פיל זיא אליין האט געוואלט אונ אנדערע מתנה האט זיא אויך באקומען דער פאר ויהי היום אונ עס איז געוועזען דיא צייט אז מען האט געקריינט דעם מלך האבען זיך צוא נויפען געקליבען כמה מלכים האט זיך דער מלך גערימט פאר זייא אז צוא איהם איז געשיקט געווארין פון אוייטע לאנד זייער טייערע דימאנטען אביין צו שטעלין אין זיין קרוין , אונ צו דער צייט קומען אויף גרויסע מבינים האבען זייא דער זעהן אז עס איז גאר פאלשע איז דער מלך געווארין דורך דעם צוא שאנדע אונ באלד האט מען געשיקט נאך דער אשה אונ מען האט אויף איהר געשריגען מיט אהויך קול אונ זייא האבען צו איהר געזאגט דיא האסט אויף זיך אשטראף פון טויט דען מיר האבען דיר דאך אהן געזאגט אז דוא זאלסט זיין גיהיט ווארום דאס איז דאך נוגע אין כבוד פון מלך האט זיא געענטפערט אונ האט געזאגט אויף מיר איז נישט דא קיין שולד דען איך האב דאך געשריבען צום מאן אונ האב איהם פאר זאגט אז עס זאל ניט זיין קיין פאלשע דימאנטען ווארום בין איך אין דעם שולדיג. נאך דעם האט מען געבראכט דעם מאן צום משפט אונ מען האט געפרעגט בייא איהם דוא האסט דאס געשיקט די פאלשע דימאנטין וואס דורך דעם איז געוועזין איין שאנד פאר דעם מלך אין אונ זיין קרוין , האט ער געענטפערט איך האב געשיקט נאר בייגע גדאנקען איז נישט געוועזין ח"ו צו שענדין דעם כבוד פון מלך נאר די פארקויפער האבען מיר גינארט אונ איך האב געשריבען צו מיין ווייב אז זיא זאל דאס פריער ווייזין גרויסע מבינים אונ נאך דעם ווערט מען דאס קענען אביין שטעלין אין כתר המלך וואס בין איך שולדיג אונ וויא ער האט דאס אפ גירעדט האבען אלע אויף איהם אהן גיהויבען צו שרייען דו אליין האסט גיבורפט נאך פרעגען אונ זייער גוט נאך פארשטין פון אהן הייב אבער נישט צו פאר לאזין זיך וויא דאס ווייב וועט טאהן דען בייא איין אשה איז דיא דעה לייכט צו טאהן יעדער זאך נישט באטראכט דערום ווען אז דו וואלסט דאס פריער גוט באטראכט וואלט איהר גרויס כבוד באקומען דער פאר וואס אייער עסק איז געוועזין באמונה אונ יעצט מוזט איהר באקומען די גרעסטע שאנדע , באן מאכט מען זיי נידעריג בייד אין תפיסה אונ מען באשטראפט זיי בארטין מיט גרויסע יסורים וואס איז אום מעגליך צו דער ליידען . וויא די אשה האט

וייסרום שמה ביסורים קשים. ותען האשה בקול בכי ותאמר לבעלה אתה היית בעוכרי ואתה הוא המכני מכת רצח ולא השוטר הזה כי האם לא ידעת שהאבנים נקנות להיות קבועות בכתר המלך והיה לך ליזהר יפה שלא יהיה שום זיוף בהן ועי"ז היה טוב גם לי גם לך לעולם ע"י העסק הזה אבל עתה ראה מה עשית במסחרך הבאת עלי כל ההכאות והיסורין הגדולים אוי לי ואוי לנפשי מה יהיה סוף ואחרית ע"י יסורין כאלה. ויען הבעל בקול מר ויאמר אוי לך ואוי לנפשך שגרמת לך כל הצרות וגם לי כי הלא כתבתי לך מתחלה והזהרתי בך שלקנות אבנים טובות לכתר מלוכה הוא ענין נורא מאד ע"כ הראוי לדרוש מתחלה היטב אם אין בהם שום זיוף ואח"כ למסרם למלכות והיה לך לקיים דברי אך חמדתך להתעשר עי"ז בהון רב ולילך במלבושי רקמה ולהתפאר לפני הכל גרם לך שנסתמו עיני שכלך ונפלת בבור שוחה וגם לי הפלת בהנהגתך אוי לנו ולנפשנו מה יהיה בסופנו. כן הדבר אחי כשהאדם מסגל תורה ומע"ט בעוה"ז נעשה מזה תקונים גדולים למעלה בעולמות העליונים כי עי"ז נבראו כתרים שמכתרין להשי"ת בזה [הג"ה ולבסוף כשהאדם בא לעוה"ב תחת הכבוד שנתן להשי"ת שממעשיו נבראו עטרות שמעטרין לו, אותן עטרות גופא נותן לו הקב"ה ומלבישין אותן בראשו וזהו שכתוב כי מכבדי אכבד וזהו כוונת חז"ל לע"ל צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה, ועטרותיהם דיקא שלא אמרו ועטרות בראשיהן וכענין זה היה מעולה וכדכתיב צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו]. אך כ"ז אם נעשה המצוה כהלכה בכל פרטיה שנעשית בקדושה ובמקום קדושה וכדכתיב והיה מחניך קדוש ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך

---

זיך ארום גיזעהען אז זיא האט אזעלכע יסורים זאגט זיא צום מאן דו ביסט מיין פאר דארבער דען די יסורים וואס איך האב האסטו דאס נורם גיוועזען אז איך זאל גישלאגען ווערין מכת רצח ניט דער גיוועלטיגער. צו דען האסטו ניט גיוואוסט אז די אבנים טובות ווערין גיקויפט אביין צו שטעלין אין כתר המלך האסטו זיך גידארפט זייער היטין אז עס זאל ניט זיין קיין פאלשע וואלט אונז ביידין גוט גיוועזען אייביג דורך דעם גישעפט אבער יעצט זעה אליין וואס האסטו גיטאן. מיט דיין האנדיל האסטו גיבראכט אויף מיר דיא קלעפ מיט דעם באשטראפונג וויי איז מיר אונ וויי איז מיין לייב וואס קען זיך דא מיט מיר אויס לאזין דען עס איז אום מעגליך אויס צו האלטין די יסורים. ווי זיא האט אפ גירעדט אירע רייד ענטפערט איהר דער מאן מיט א ביטער גיוויין וויי איז דיר אונ וויי באדארף זיין צו דיין לייב דען דו אליין האסט אויף זיך אלע צרות גיבראכט אונ אויף מיר דען איך האב דאך דיר גישריבען אונ האב דיר פארזאגט אז דו זאלסט זיין זייער גיהיט ווארום די וואס קויפין אבנים טובות צום כתר המלך איז דאס זייער אפארכטיגער ענין דרום זאלסטו פריער חוקר ודורש זיין אויף זיי אונ נאך דעם איבער ענטפערין צום מלך האסטו גידארפט מקיים זיין ווי איך האב דיר גישריבען נאר דו האסט גיוואלט וואס גיכער רייך ווערין דורך דעם אונ גיין אין טייערע קליידער דו זאלסט זיך קענען באריימען פאר אלעמען דאס האט דיר גורם גיוועזען אז דיין שכל איז צו גינומען גיווארין פון דיר אונ דו ביסט אריין גיפאלין אין דעם טיפען גרוב אונ מיר האסטו אויך גימאכט פאלין מיט דיין פירונג וויי איז צו אונז אונ וויי זאיז צו אונזערע לייבער וואס קען זיין מיט אונז דער סוף. אונ איצונד וועלין מיר שרייבין דעם נמשל. ווארום דאס איז באוואוסט אז דער מענטש וואס קלייבט אויף דער וועלט תורה אונ מצות ווערט דער פון זייער הייליגע זאכין אויבין אין יענע וועלטין ווארום עס ווערט דער פון באשאפין הייליגע קרוינען וואס די מלאכים קריינען דער מיט הקב"ה. נאר דאס איז מער ניט אויב די מצוה ווערט גיטאן מיט אירע אלע פרטים זי ווערט גיטאן מיט הייליקייט אונ אין ארט פון הייליקייט אזוי וויא עס

לאפוקי אם נעשית נגד הערוה כגון אם בשעה שקרא איזה ד"ת או שברך שום ברכה היה נגד שער אשה או זרועותיה או דדיה המגולין ולא חש לדברי חכמינו ז"ל שאסרו זה בודאי אין חל שום קדושה על הדבור ההוא ובמקום האור נעשה חשך ח"ו ואפילו אם רק איזה תיבות מהברכה היה נגד כל הנ"ל נחסר אור הקדושה במקום ההוא של הכתר המכונה נגד אלו התיבות וכדכתיב והיה מחניך קדוש ולא יראה וגו' ושב מאחריך ותמורתו נכנס חשך, וידוע שהקב"ה מתפאר בעמו ישראל לפני הפמליא של מעלה בעטרות שמעטרין לו תמיד בתורתם ובמצותם וכדכתיב ישראל אשר בך אתפאר והיה אם תמצאנה בהרות של חשך על איזה מהכתרים בזיון גדול הוא להשם הנכבד והנורא שימצא בכתריו בהרות כאלה, והיה כשתעלינה אח"כ נפש האיש והאשה למעלה לתת דין וחשבון לפני ממ"ה הקב"ה ירעמו עליה המלאכים בקול גדול לומר משפט נורא של אש הגיהנם עליך כי לבד שלא נתת כבוד לממ"ה עבור החיים והמזון והבריאות שנתן לך תמיד עוד קלקלת את כתר המלך וחשכת את אורו ובזית את כבודו ע"י שערותיך או זרועותיך ודדיך שהיו מגולות תמיד אף בעת שברך בעלך איזה ברכה או למד שום דברי תורה ותען ותאמר בקול מר אין עלי כ"כ האשמה [הג"ה וזהו ענין אמיתי כי בעת הדין הנורא כל אחד רוצה לדחות מעל עצמו העונש כי אפילו הגוף והנפש שהיו בוודאי בהתאחדות גמורה כל ימי החיים מ"מ מפני חמת המשפט הנורא כל אחד רוצה להטיל העון על חבירו וכדאיתא בסנהדרין דף צ"א ע"ש] בעלי היה סיבה לקלקול הזה של הכתרים הקדושים האלה שברך כל אלו הברכות נגדי

---

שטייט אין דער תורה (דברים כ"ג ט"ו) והיה מחניך קדוש ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך. איז דער טייטש דער פון דיין מחנה זאל זיין היילג אונ עס זאל אין דיר ניט זעהען קיין מיאוסע זאך וועט ער זיך אום קערין פון דיר. דארום אויב עס ווערט גימאכט די ברכה אנטקעגין א ערוה דהיינו אויב בשעת ער האט גילערינט אדער ער האט גימאכט א ברכה איז דאס אויס גיקומען אנטקעגין די האר פון איין אשה אדער אנטקעגין די ארעמס אפ גידעקטע אדער אנטקעגין אירע ברוסטען די אפ גידעקטע אונ ער האט ניט גיקוקט אויף די רייד פון אונזערע חכמים וואס זיי האבין גיאסרת. איז געווים ניט חל קיין שום היילקייט אויף דעם דבור אונ אויף דעם ארט פון ליכטיקייט ווערט פינצטער ח"ו. אונ אפילו אויב אייניגע ווערטער פון די ברכה איז אויס גיקומען אנטקעגין די אלע זאכען וואס זענען אסור פעלט אויך ליכטיקייט אויף דעם ארט פון דעם אויבערשטינם קרוין אונ אויף דעם ארט איז פאר האנדין פינצטערע פלעקין. אונ דאס איז דאך ידוע אז הקב"ה בטרימט זיך מיט זיין פאלק יודין פאר אלע מלאכים מיט די קרוינען וואס יודין מאכין מיט זייער תורה אונ מיט זייערע מצות. אונ אויב עס געפינט זיך פינצטערע פלעקין אויף אייניגע פון די קרוינען איז ח"ו א גרויסער בזיון צו זיין היילינען נאמען אז אין זיינע קרוינען זאל זיך גיפינען אזעלכע פלעקין. אונ דער סוף דער פון וועט זיין אז עס וועט ארויף גיין דער נפש פון דעם מאן מיט די אשה אויף דעם הימעל צו געבין דין אונ חשבון פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה וועלין די מלאכים שטורמען אויף איהר מיט א גרויסען קול אונ זיי וועלין אזוי זאגין צו איהר א פארטליכער משפט פון א פייערדיקען גיהנם וועט קומען אויף דיר. ניט גינוג וואס דו האסט ניט גיגעבין כבוד צו הקב"ה ביי דיין לעבין פאר דעם עסין אונ פאר דעם גיזונט וואס ער האט דיר שטענדיג גיגעבין האסטו נאך איבער גיפירט זיין היילגע קרוין אונ דו האסט פינצטער גימאכט זיינע ליכטיקייט אונ דו האסט מבזה גיוועזין זיין היילגען כבוד דורך דיינע האר אונ ארומס אונ דיינע ברוסטען וואס זענען גיוועזין שטענדיג אפ גידעקט אפילו בשעת דיין מאן האט גימאכט א ברכה אדער ער האט גילערינט. ענטפערט די אשה מיט א היטערען קול אויף מיר איז ניט אזוי

ויביאו גם אותו להמשפט ויראום את חשכת הבתרים שלמעלה שנסבב ע"י שניהם ותאחז
אותם חיל ורעדה ויאמרו לו אתה ברכת את הברכות האלו שהיה סיבה לבזות את
כבוד השי"ת וכתרו. ויען ויאמר הן אבל אין אני עיקר הסיבה רק היא באשר ישבה
לנגדי בשערותיה ובזרועותיה ודדיה המגולות בעת שברכתי איזה ברכה וגם הודעתי לה
שאין נכון לעשות כן ולא שמעה לדברי, ויענו כולם ויאמרו אם היית חושש באמת לכבוד
השי"ת היה לך לילך למקום אחר או עכ"פ להחזיר פניך מנגדה ולגמור הברכה ע"כ על
שניכם לישא עונש העון ותחת הכבוד שהייתם נוחלין אם הייתם עובדים לה' כהוגן
עתה משנה קלון תירשו ויתפשום מלאכים אכזרים ויורידום לגיהנם ליסרם ביסורים
קשים [וכדאיתא במסכת גיהנם שיש נשים שתולין שם בדדיהן והוא מדה במדה וכן
בהשערות ובכל אבר שהאדם חוטא בו הוא נתלה עי"ש שמוכח כן]. ותען האשה בקול
בכי ותאמר לבעלה אתה הוא המכני באכזריות ולא השוטר הזה האם לא ידעת מאז
בעודך בעולם שלמטה שמברכותיך ותורתך נברא כתר המלך עליון והיה לך ליזהר יפה
שלא יהיה בהן שום קלקול והיה לך להודיעני את גודל העונש שיש עבור זה ולהזהיר
אותי תמיד באזהרה גדולה ועי"ז היה טוב גם לי גם לך אבל עתה ראה מה גרמת לי

---

פיל די שולד, מיין מאן איז געוועזן די סבה צו דעם קלקול פון די היילגע קרוינען וואס
ער האט געמאכט אלע ברכות אנטקעגן מיר, אונד באלד האט מען איהם אויך געבראכט
צום משפט אונ מ' האט זיי ביידען געוויזען דאס פינצטערקייט פון די קרוינען וואס עס איז
ארויס געקומען פון זיי ביידין ווי זיי האבין דאס דער זעהען האט זיי אן גינומען א גרויס
ציטערניש, האבין זיי זיך אפ גערופען צו איהם דו האסט געמאכט די אלע ברכות וואס דאס
איז געוועזן א סיבה מבזה צו זיין דעם היילגען באשעפערס כבוד אונ זיין היילגע קרוין,
רופט ער זיך אפ יוא איך האב געמאכט די ברכות נאר ניט איך בין דער עיקר הסיבה
נאר מיין ווייב ווייל זי איז געזעסין אנטקעגן מיר מיט אירע הויכע האר אונ מיט הויכע
ארעמס אונ מיט הויכע ברוסטען בשעת איך האב געמאכט אלע ברכות. אונ איך האב
איהר מודיע געוועזן אז מ' טאר דאס ניט אונ זי האט מיר ניט געהערט. האבין געענטפערט
גאנץ בית דין של מעלה צו איהם ווען דו וואלסט געוועזן מיט דעם אמת גאנץ צו דעם
אייבערשטינס כבוד האסטו געדארפט אוועק גיין פון איהר בשעת דו האסט געמאכט די
ברכה אין איין אנדער ארט אדער לפחות אפ קערין דעם פנים פון איהר בשעת די ברכה
אונ ענדיגען די ברכה, על כן איז אויף אייך ביידין געווארפין צו ליידין דעם עונש פון דער
זינד אונ אנשטאט דעם כבוד וואס איר וואלט האבין אז איהר וואלט דינען דעם היילגין
באשעפער ווי מ' באדארף וועט איהר היינט האבין פיהל בזיונות, אונ באלד האבין זיי אן
גינומען מלאכי חבלה אונ האבין זיי אראפ גיראזין אין גיהנם צו שטראפין זיי מיט ביטערע
יסורים אזוי ווי עס שטייט גישריבען אז עס איז דא ווייבער וואס הייגען פאר די האר
אונ אנדערע וואס הייגען פאר די בריסטען אונ אזוי מיט איטליכעם אבר וואס דער מענטש
זינדיגט מיט דעם ווערט ער גישטראפט. רופט זיך אפ די אשה מיט א וויינינגען קול צו
איהר מאן דו שלאגסט מיר מיט אכזריות אונ דער דאזיגער ממונה איז ניט שולדיג ווארום
צו דו האסט ניט גיוואוסט פון לאנג אן בשעת דו ביסט געוועזן אויף יענער וועלט אז פון
דיינע ברכות אונ דיין לערנען ווערט באשאפין היילגע קרוינען פאר דעם בורא יתברך
האסטו זיך גידארפט גאנץ גוט היטין אז עס זאל זיך ניט געפינען קיין שום קלקול, אונ דו
האסט מיר גידארפט מודיע זיין דעם גרויסען עונש וואס עס קומט פאר דעם אונ פאר
ווארנין מיר שטענדיג מיט גרויסע אזהרות אונ דורך דעם וואלט געוועזן גוט מיר אונ דיר
אבער יעצט זעה וואס דו האסט געמאכט מיט דיין הנהגה דו האסט אויף מיר געבראכט

אלע

בהנהגתך הבאת עלי כל ההכאות והיסורין הקשים האלו אוי לי מה יהיה סופי. ויען הבעל ויאמר להאשה אוי לך ואוי לנפשך שגרמת לך כל הצרות וגם לי ואת הושב שהאמת והצדק אתך האם לא אמרתי לך כמה פעמים שזה אסור מדינא והיה לך בעצמך ליזהר בכל האופנים שלא לילך בשערות מגולות ובזרועות המגולות אך חמדתך להתקשט לפני הכל ולילך בדרכי חברותיך הפרוצות [אשר גם המה יבואו לפה ויוסרו ביסורים קשים] גרמה לך שנפלת בבור שוחה וגם לי הפלת בהנהגתך. ע"כ החכם עיניו בראשו בעודו בחיים שיוכיח תמיד בענין זה ויודיענה את גודל הקלקול ושהיא בעצמה תצעק לבסוף אוי ואבוי על הענין הזה ובודאי יועילו דבריו במקצת וינצל מיום הדין העה"ג

# פרק שביעי

## בו יבואר גודל מדת הצניעות ושכרה עבור זה בעוה"ז ובעוה"ב. ולהיפך ח"ו בהולכת בדרכי פריצות.

גם צריכה האשה להתבונן תמיד לפי מה שידוע דבשהאשה הולכת בדרכי הצניעות אז היא זוכה להוליד בנים צדיקים בנים ת"ח המאירים לעולם בתורתם ובצדקתם וכדאיתא בתלמוד ירושלמי כל כבודה בת מלך פנימה ממשבצות זהב לבושה אשה צנועה

---

אלע קלעפ און אלע ביטערע יסורים ווי איז צו מיר וואס וועט זיין פון מיר דער סוף. דופט זיך אפ דער מאן און זאגט צו זיין ווייב ווי איז צו דיר ווי איז צו דיין נפש וואס דו האסט זיך גורם געוועזן אלע קלעפ און אלע ביטערע צרות און מיר אויך און דו קלערסט נאך אז דו ביסט גירעכט צו האב איך דען דיר ניט גיזאגט ווי פיל מאל אז דאס טאר מען ניט על פי דין און דו האסט זיך אליין גיבארפט היטין מיט אלע אופנים ניט גיין מיט אפ גידעקטע האר און מיט אפ גידעקטע ארעמס נאר דיין תשוקה צו פוצין זיך פאר יעדען און צו גיין אין דעם וועג פון דיינע חאבערטעס די פריצות דאס האט דיר גורם געוועזן אז דו ביסט אריין גיפאלין אין די טיפע גרוב און מיר האסטו אויך אריין גישלעפט אין גיהנם מיט דיין ביטערין פירונג. על כן איז דער קלוגער דארף האבין שכל בשעת ער לעבט נאך אויף דער וועלט זאל ער שטענדיג שטראפין זיין ווייב אין דעם ענין און ער זאל איר מודיע זיין דעם גרויסען קלקול וואס פון דעם וועט צרות קומען און וואס זי וועט אליין שרייען צום סוף ווי וויי אויף מיין פינצטערין פירונג וואס איך האב זיך אמאל גיפירט. און געווים וועלין זיינע רייד אביסיל העלפין און ער וועט ניצול ווערין פון יום הדין הגדול:

אין דיזען פרק ווערט ארום גירעדט וויא גרויס עס איז די מדה פון צניעות און דעם שכר וואס השם יתברך וועט בעצאלין דער פאר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. און פארקערט ווען ח"ו אז די אשה פירט זיך אין די וועג פון פריצות ר"ל.

אויך דארף די אשה אויך זיך שטענדיג באטראכטען אזוי ווי עס איז בעוואוסט אז ווען די אשה גייט אין דעם וועג פון צניעות דאמאלסט איז זי זוכה צו קינדער צדיקים און גרויסע תלמידי חכמים וואס זיי לייכטין אויף דער וועלט מיט זייער תורה און מיט זייערע צדקות אזוי וויא מיר לערנען אין דער גמרא ירושלמי כל כבודה בת מלך פנימה ממשבצות זהב לבושה. דער טייטש דער פון איז אזוי אין דער גמרא ירושלמי יעדער אשה וואס זי רעכינט בייא זיך אז זיא איז גיערליכט ווערט זי גיגליכען צו א טאכטער פון קעניג וואס זי איז אין פאלאץ פון קעניג אין וועלכע אירע קליידער איז קעסטליכע פון גאלד. די גמרא מיינט

ראויה לצאת ממנה כהנים גדולים המלובשים משבצות זהב, ואמרו במגילה דף י"ג בשכר צניעות שהיתה בה ברחל זכתה שיצא ממנה שאול ובשכר צניעות שהיתה בשאול זכה ויצאה ממנו אסתר עי"ש ועי"ז ייטב לה בעוה"ז וגם באחריתה תזכה לישב בעולם העליון בהיכל ה' ברוב הוד והדר וכדאיתא בזוהר הקדוש פרשת בחקתי על הפסוק כבד את אביך ואת אמך דקאי אף לאחר מיתה דאי ההוא ברא אזיל באורח מישור ותיקן עובדוי ודאי אוקיר לאבוי אוקיר ליה בהאי עלמא גבי בני נשא ואוקיר ליה בההוא עלמא גבי קב"ה וקב"ה חיים עליה ואותיב ליה בכורסיא דיקריה ברם זכאין אינון צדיקיא דזכאן לבנין קדישין לגזעין קדישין עלייהו איתקרי כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה' עכ"ל. ולהיפך ח"ו אם היא הולכת בדרכי פריצות אז תלד בנים אשר לא טובים ויהיה לה ע"י זה לבסוף קלון וכלמה בעוה"ז וכמה דכתיב ובן כסיל תוגת אמו וגם בעוה"ב הוא בזיון גדול לאביו ואמו כשיוצא מהם בן מכעים להקב"ה. וכמו שכתב הגר"א באגרתו הק' עלים לתרופה שאף אם ידריך תמיד בנו במוסר ולא יקבל אוי

---

אז זיא איז ווערט אז פון איר זאלין ארויס קומען קינדער כהנים גדולים וואס זיי זענען אן גיקליידעט מיט קעסטליך פון גאלד. אונ אין דער גמרא מגילה (דף י"ג) לערנען אונז די חכמים אז פאר דעם שכר וואס רחל איז גיוועזין אצנועה האט זיא זוכה גיוועזין אז פון איר איז ארויס גיקומען שאול המלך וואס ער איז גיוועזין א קעניג אונ אגרויסער צדיק אונ וויל שאול המלך האט גיהאט אין זיך גרויס צניעות דער פאר האט ער זוכה גיוועזין אז פון איהם איז ארויס גיקומען אסתר המלכה וואס זיא איז גיוועזין איין קעניגען אונ אגרויסע צדקניות. היינט קענען מיר זיך אפ לערנען פון זיי אויף יעדען אז פון די צניעות קען מען זוכה זיין צו גרויס גוטעס אוי, דער וועלט אונ אויף יענער וועלט וועט זי זוכה זיין צו זיצין אין דעם פאלאץ פון גאט ברוך הוא מיט פיל לויב אונ שוינהייט אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש אין פרשת בחקתי אויף דעם פסוק כבד את אביך ואת אמך וואס דער מענטש איז דאס מחויב צו טאן אפילו נאך זייער טויט, זאגט אזוי דער זוהר הקדוש ווען אז דער זון גייט אין דעם רעכט פארטיגען וועג אונ ער פאר ריכט זיינע מעשים אונ ווען ער האלט טייער זיין פאטער אונ מוטער איז די טייערקייט אויף דער וועלט פאר מענטשין אונ אויף יענער וועלט פאר גאט ברוך הוא. אונ גאט ברוך הוא אליין האט אויף איהם דער בארימקייט אונ ער זעצט איהם אויף דעם שטול פון זיין טייערקייט דען די וואס פירין זיך מיט צניעות זענען זיי זוכה אז זיי זענען אליין צדיקים אונ זיי זענען זוכה צו קינדער היילינע מענטשין אונ אויף זיא וועט גיזאגט ווערין דער פסוק אין ישעיה, כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה (אזוי איז דער לשון פון זוהר הקדוש) דער פשט פון פסוק איז אלע די וואס וועלין זיי זעהען וועלין זיי דער קענען אז דאס זענען קינדער וואס זיי זענען גיבענטשט פון גאט ברוך הוא. פאר קערט ח"ו ווען זיא גייט אין די וועג פון די פריצות וועט זיא האבין קינדער ניט קיין גוטע אונ דורך דעם וועט זי האבין צום סוף גרויס שאנד אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט. אזוי וויא שלמה המלך לערנט אונז אין משלי ובן כסיל תוגת אמו דער טייטש דער פון איז דער זוהן וואס פירט זיך אין נארישען וועג מאכט טרויעריג צו זיין מוטער. אין דאס אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט איז דאס אגרויסע שאנד פאר זיין פאטער אונ מוטער אז פון זיי איז ארויס גיקומען אזוי אזוהן וואס ער דער צארינט צו גאט ברוך הוא. אונ אזוי וויא דער היילינער גאון פון ווילנא זכרונו לברכה האט גישריבען אין זיין היילינען בריף עלים לתרופה צו זיין ווייב אז זיא זאל אלין דיא קינדער שטענדיג גיוויינען אין מוסר אונ ווען

זיי

לאותה בושה והצער והבזיון בעוה"ב . ע"כ צריכה האשה להרגיל עצמה במדת הצניעות וייטב לה ע"ז בזה ובבא . והנה מכל זה נוכל להתבונן כמה צריכה האשה להיות זהירה בענין שערותיה או זרועותיה ודדיה שלא יראו החוצה . גם בזוהר פרשת נשא החמיר מאד שלא יתראה שום שער מאשה, וז"ל בדף קכ"ה אמר רבי חזקיה תונבא (הוא ענין שעמום) ליתי על ההוא בר נש דשבק לאינתתיה דתתחזי משערא דרישא לבר ודא הוא חד מאינון צניעותא דביתא ואיתתא דאפיקת משערא דרישא לבר לאתקנה ביה גרים מסכנותא לביתא וגרים לבנהא דלא יתחשבון בדרא וגרים מלה אחרא דשריא בביתא מאן גרים דא ההוא שערא דאיתחזי מרישא לבר ומה בביתה האי כל שכן בשוקא חציפותא אחרא ובג"כ אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך וכו' בגין כך בעא איתתא דאפילו טסירי דביתא (קורות הבית) לא יחמון שערא חד מרישא פוק חמי כמה פגימו גרים ההוא שערא דאיתתא גרים לעילא גרים להתא גרים לבעלה דאיתלטייא גרים מסכנותא גרים מלה אחרא בביתא גרים דיסתלק חשיבותא מבנהא רחמנא לישזבן מחציפו דילהון וע"ד בעא איתתא לאיתכסייא בזוייתא דביתא ואי עבדית כן מה כתיב בניך

---

אז זיי וועלין ניט צו נעמען קיין מוסר שרייבט ער ווי צו דער בושה און צו דעם צער וואס עס וועט זיין אויף יענער וועלט פון דעם. און ווען אז ווילנער גאון זכרונו לברכה האט דער פאר מורא גיהאט ווי פיל בארפין מיר אויף דערוף פארכטין און ציטערין , דרום דארף די אשה זיך גיוויינען אין די מדה פון צניעות וועט איהר זיין גוט איצט אויף דער וועלט , און שפעטער אויף יענער וועלט . והנה נון פון אלין וואס עס פריער גישמאנען קענען מיר שוין פארשטיין ווי פיל די אשה דארף זיין אפ גיהיט אין דעם אז ביי איר זאל זיך ניט ארויס זעהען דיא האר אדער די ארימס און נאך זאכין וואס ווערין אן גערופין ערוה וואס מען איז ניט גיהיט אין דעם דהיינו די ברוסט בשעת דאס קינד זייגט און עס מאכט זיך אז מען בענטש אין יענער צייט דארף מען זיין גיהיט אז עס זאל זיך ניט ארויס זעהען אין יענער צייט . און דער זוהר הקדוש אין פרשת נשא זאגט אז עס איז זייער הארב ווען דער מאן לאזט אז עס זאל זיך ארויס זעהען די הויכע האר פון די ווייב . און דאס איז איינס פון די צניעות וואס איין אשה דארף זיין גיהיט , און די אשה וואס לאזט ארויס פון איהרע האר צו פוצען זיך דער מיט איז זיא גורם ארעמקייט צו איר הויז און זי איז גורם צו איהרע קינדער אז זיי זאלין ניט זיין קיין גישעצטע מענטשין , און זי איז גורם שלעכטע ענינים זאלין ביי איר אין שטוב רוען , ווער איז דאס אלץ גורם דאס איז דיא האר פון קאפ וואס עס זעהעט זיך ארויס אויף דרויסין , און מאדאך אין שטוב איז ניט רעכט אז זי גייט מיט די הויכע האר איז שוין איין כל שכן ווי גרויס איז די חציפות אז זי גייט אין מארק מיט די הויכע האר . דעריבער שטייט אין פסוק (תהלים קכ"ח ג') אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך וגו' . דער טייטש דער פון איז וויא א וויינשטאק מיט פירות און זי איז אין די ווינקעלעך פון שטוב דאריבער דארף זיך דיא אשה היטין אז אפילו די באלקינס פון שטוב זאלין ניט זעהען קיין שום האר פון איר קאפ , גיב אכטונג און זעה וואס פאר איין גרויסע פגם עס מאכט די הויכע האר עס איז גורם אויבען וויא פיל קלקולים , און אויף דער וועלט איז דאס גורם אז איר מאן ווערט גישאלטין מיט צרות עס איז גורם חס ושלום ארעמקייט , עס איז גורם נאך שלעכטע ענינים אין שטוב . עס איז גורם אז עס זאל אראפ גיין דאס חשיבות פון איהרע קינדער און זיי וועלין קריגען אין זיך חציפות . דער אויבערשטער זאל אונז באשערמען פון זייערע חציפות . און דעריבער דארף די אשה זיין צו גידעקט און זיצין אין שטוב . און אויב זיא וועט אזוי טוען וועט אויף איר מקיים

זעריז

כשתילי זיתים מה זית דא בין בסיתוא בין בקייטא לא אתאבדו טרפוי והדיר אשתכח חשיבו משאר אילנין כך בנהא יסתלקון בחשיבו על שאר בני עלמא ולא עוד אלא דבעלה מתברך בכולא בברכאן דלעילא בברכאן דלתתא בעותרא בבנין ובני בנין הדא הוא דכתיב הנה כי כן יבורך גבר ירא ה׳ :

# פרק שמיני

## בו יבואר מצות חינוך אב לבנים בכמה ענינים נחוצים הנוגעים לדת התורה :

**והנה** לפי האמור דענין כזה גורם לידי עניות ר״ל ולכמה תקלות גדולות כמה צריך כל איש ואשה לשמור עצמו בדרך הצניעות וגם לזרז את בנותיו שתהיינה מורגלות מילדותן שלא לילך בדרכי הפריצות ח״ו כגון מה שבעו״ה נעשה בכמה מקומות להיתר שעושין כתונת בלא בתי ידים כלל אוי ואבוי כמה עון פלילי יש בזה שמשיאין כמה אנשים לידי הרהור ע״ז , וגם כמה מאות ברכות לבטלה נעשין ע״ז בעת שמברכין נגדה והלא ידוע שנפסק בגמרא ובשלחן ערוך אורח חיים בסימן ע״ה דטפח מגולה באשה במקום שהדרך להיות מכוסה הוא בכלל ערוה ואסור לומר שום דבר קדושה נגדה ואין חילוק בין בתולה לנשואה ולא היתר לבתולה רק לילך בפריעת ראש אבל לענין שאר דברים המכוסים אין נ״מ כלל ואפילו במקום שדרך כל הנשים והבתולות לילך ככה אפ״ה אין שום היתר לעשות כמנהג הפרוץ הרע הזה וכמו שכתבו כל הפוסקים [הלא המה האליהו רבה בשם הרוקח ובספר הפארת שמואל ובספר חיי אדם] . גם אין

---

ווערין דר פסוק בניך כשתילי זיתים דר טייטש איז דר פון דיינע קינדער וועלין זיין ווי די איילבירטען אקובאט ווי דר איילבירט סאי ווינטר סאי זומר ווערט ניט פארלארין זיינע בלעטר אונ שטענדיג געפינט ער זיך שענר ווי אלע בוימר אזוי וועט זיין אירע קינדר זיי וועלן האבן גרויסע עהרע איבער די גאנצע וועלט אונ נאך מעהר איהר מאן ווערט געבענטש מיט אלעם גוטען מיט ברכות פון די אייבערשטע וועלטין אונ מיט ברכות פון דער וועלט מיט רייכקייט מיט קינדר אונ קינדס קינדר דס שטייט אין פסוק הנה כי כן יבורך גבר ירא ה׳ איז דר טייטש פון פסוק אזוי אז אזוי ווערט געבענטש דר מענטש וואס האט מורא פאר גאט ברוך הוא :

**אין דעם פרק איז גירעט פון דיא מצוה וויא אפאטער דארף איין גיוויינען קינדער מען זאל ניט אפ טרעטין פון אונזער היילגע תורה :**

**הנה** וויא עס איז גירעט גיווארין אז דער ענין פון פריצות איז גורם צוא ארעמקייט אונ צוא נאך פיל גרויסע שטרויכלונגען וויא פיל דארף זיך איטליכעס מאנסביל אונ איין פרויא צוא היטען זיך אונ צוא גיין אין דיא וועג פון צניעות . אונ אויך צוא מזרז זיין זיינע טעכטער אז זייא זאלין זיין איינגיוויינט פון זייער יוגענט ניט צוא גיין אין דיא וועג פון פריצות ח״ו דהיינו וואס בעו״ה איז גיווארין אין וויפיל ערטער איין מיאוסער פירונג מען מאכט העמדער גאר אן ארביל אוי ווייא גישריען וואס פאר איין ביטערע עבירה דאס איז זייא ברייגגען וויפיל מענשען צוא מחשבות רעות אונ אויך וויפיל הונדערט ברכות לבטלה ווערין דורך דעם גימאכט אין דער צייט וואס מען מאכט דיא ברכה קעגין איהר ווארום איין טפח אז עס איז אויפגידעקט בייא איין אשה וואו עס דארף זיין צוא גידעקט איז דאס אין כלל פון ערוה אונ מען טאר ניט זאגען קיין אידעשע ווארט אנטקעגין אונ עס איז קיין חילוק צוא וויסען איין בתולה צוא איין אשת איש דען עס איז ניט מותר צוא אבתולה מער ניט וואס זיא מעג גיין מיט דיא האר אפ גידעקט . אבער אלע זאכען וואס דארף זיין בייא איין אשה צוא גידעקט איז בייא איין בתולה אויך דער זעלבער דין . אונ אפילו אין דעם ארט וואס דער מייגער פון אלע נשים אונ אלע בתולות צוא גיין אין העמדער אן ארביל פון דעסטוועגין איז ניטא קיין שום היתר צוא טאן וויא דער מנהג פריצות . גם דארף מען וויסען אז דאס וואס מיר האבען גישריבען אז מען טאר

שום חילוק בענין מה שאסור לומר שום דבר קדושה נגדה בין איש אחר שאינה קרובה ובין אביה ואחיה הכל דין אחד להם דהיינו שאפילו האב יזהר לומר דבר קדושה נגד טפח המגולה של בתו כשהיא מבת י"א ואילך [ולאחר אפילו בפחות מזה עיין בספר סולחן שלמה] וכשירגיל את בנותיו מנערותן להיות בדרכי הצניעות גם כי תגדל לא תסור מדרך הטוב ההוא ויזכה לראות ממנה בנים הגונים וחשובים וכמו שהבאנו למעלה כמה מאמרי חז"ל ע"ז. והנה ענין הצניעות רפה מאד כהיום בעו"ה שבאיזה מקומות הולכין לטייל בחורים ובתולות יחדו ומי יוכל לשער גודל האיסורים והקלקולים היוצאים מזה ומי ראה כזאת ומי שמע כאלה בדורות שלפנינו הנהגת פריצות כזה כי אפילו אם לא יבא לידי איסור ממש הרהורי עבירה קשין מעבירה ועובר על מה שאחז"ל על מה דכתיב ונשמרתם מכל דבר רע מכאן אמר ר' פנחס בן יאיר אזהרה שלא יהרהר אדם ביום ויבוא לידי טומאה בלילה ועון זה הוא חמור מאד ומאד כידוע במאמרי חז"ל. ומלבד כל זה מצוי שהולך חוץ לעיר ובאים לידי יחוד ע"י הטיול ואיסור יחוד עם העריות לבד הוא ג"כ איסור גדול מאד ובזמנינו הפנויות הם עריות כי הם בחזקת נדות. [ודע עוד דאפילו אם היא עתידה להיות אשתו כגון שהיא אחר כתיבת התנאים אף אם יקל לעצמו לטייל עמה (**עכ"פ יזהר מלהתיחד עמה שלא בפני אדם כי היא שוה לכל הנשים בענין זה ואין שום היתר בזה מחמת התנאים אפילו אם היתה טהורה וכ"ש שהיא בודאי נדה כ"ז שלא טבלה כדין ע"כ איסור יחוד במקומו עומד*) וכ"ש

*) וז"ל מכתובות י"ב ע"א א"ר יהודה וכו' כי הלא גם איירי אחר אירוסין שהיא מן התורה אשת' גמורה משא"כ אחר כתיבת התנאים.

ניט זאגען קיין הייליגען אידעשין ווארט אנטקעגען אפ גידעקטע ארעמס איז קיין שום חילוק ניטא צוא ווישען איין פרעמדין מענשען וואס ער איז ניט איר פריינד אונ צוא ווישען איר פאטער מיט אירע ברידער דהיינו אז אפילו דער אייגענער פאטער דארף זיך היטען צוא זאגין איין הייליגען אידעשין ווארט קעגין איר אין דער צייט וואס זיא איז שוין עלף יאהר (אונ ביא איין אנדערין איז אפילו אז זיא איז וויניגער וויא עלף יאהר) אונ אז ער וועט איין גיוויינען זיינע טעכטער פון יוגינט צוא גיין אין דיא וועג פון צניעות איז דער נאך אז זיא וועט ווערין גרעסער וועט זיא ניט אפ טרעטין פון דיא גוטע וועג אונ ער וועט זוכה זיין צו זעהן פון איהר גוטע קינדער אונ גרויסע חשובים אין דור. והנה דער ענין פון צניעות איז בעו"ה גרינג גיווארין אין אנדערע שטעט וואס גיפינט זיך וואס גייען שפאצירען בחורים מיט בתולות צוא זאמען ווער קאן משער זיין דיא גרויסקייט פון דיא עבירות וואס אין דעם אונ דיא קלקולים וואס גייען ארויס פון דעם ווער האט דאס גיהערט אונ גיזעהן אין פארצייטיגע יארין אזוינע וועגין פון פריצות. אונ ווען אפילו זיא זאלין ניט קומען צו קיין עבירה ממש איז דיא שלעכטע מחשבות פון דיא עבירה איז גרוים וויא דיא עבירה גם דורך דיא שלעכטע מחשבות קאן מען קומען צוא טומאה ר"ל וואס דיא עבירה פון דעם איז זייער שרעקליך אונ זייער פארכטליך וויא אונזערע הייליגע חכמים ז"ל שרייבין פון דעם אין כמה ערטער אז מען קאן חלילה פאר זינדיגען דיא יארין פאר דעם עון אונ אויך איז דער שטייגער אז זייא גייען חוץ דער שטאט וואו קיין מענשין איז ניט דא איז דאס אליין איין גרויסע עבירה אז אמאנם פארשוין זאל זיך מתייחד זיין מיט איין אשה אפילו זיא האט קיין מאן ניט אפילו זייא מיינען ניט צוא טאן קיין עבירה (גם דארף מען וויסען אז דער חתן מיט דער כלה נאך תנאים דארפין אויך זיין גיהיט צוא מתיחד זיין זיך אין דעם ארט וואס קיין מענשין איז ניט דא ווארום פאר דער חופה איז זיא גליך מיט אנדערע נשים אונ עס איז קיין שום היתר ניט מיט

**) ואף זה גנאי הוא לאדם ישר (עיין ברכות מ"ו ע"ב)

בחיבוק ונישוק מן התורה שע"ז בא הכתוב לא תקרבו לגלות ערוה כמו שכתב הרמב"ם פכ"א מהלכות איסורי ביאה המחבק או מנשק אחת מכל העריות עובר בלאו דלא תקרבו לגלות ערוה והמקילין בזה עתידין ליתן את הדין ע"ז בעוה"ב וגם לא יראו טוב בעוה"ז] וכמה מחויב כל איש להשית עצות בנפשו ולפקח בענין זה על בניו ובנותיו שלא ילכו בדרך הרע הזה ולערוך לפניהם תמיד את גודל העון שיש בזה וגודל הזכות שיהיה להם כשיהיו זהירין מזה וגם לבקש רחמים תמיד מהש"י עליהם שלא יבאו לידי עבירה ודבר מכוער ובודאי יעזרהו ה' ויקבל תפלתו וכדאיתא בתנא דבי אליהו מעשה בכהן אחד שהיה ירא שמים בסתר והיה לו עשרה בנים ואשה אחת וששה זכרים וארבע נקבות ובכל יום היה מתפלל ומשתטח ומלחך עפר בלשונו כדי שלא יבוא אחד מהן לידי עבירה ולידי דבר מכוער. אמרו לא יצאת אותה שנה שלמה עד שבא עזרא והעלה הקב"ה את ישראל מבבל והעלה אותו כהן ולא נכנס אותו כהן לעולמו עד שראה כהנים גדולים ופרחי כהונה מבניו ומבני בניו עד חמשים שנה ואח"כ נכנס לעולמו ועליו הוא אומר בטח בה' ועשה טוב וכתיב בטחו בה' עדי עד ששני עולמות שלו שנאמר כי ביה ה' צור עולמים ע"ש. והכונה שמי שמשתטח לה' ומשליך כל בטחונו עליו ומבקש רחמים שיהיו בניו הולכים בדרך התורה והיראה הקב"ה עוזרו שיהיה לו מהם גם כבוד וגדולה בעוה"ז מלבד שכרו הגדול הצפון לו לעוה"ב:

---

דעם וואס איז געוועזן תנאים אונ כ"ש אז עס איז אסור מחבק ומנשק זיין אונ אויף דעם איז דא איין מפורשער פסוק אין דער תורה לא תקרב לגלות ערוה אונ אזוי שרייבט דער רמב"ם אונ דאס איז דאך ידוע אז אלע בתולות זענען נידות פאר טבילה אונ דיא וואס מאכין זיך גרינג אין דעם זענען אנגעגרייט צוא געבין דין וחשבון אויף יענער וועלט אונ זייא וועלין דער פאר קיין גוטס ניט האבין אויף דער וועלט) אונ וויפיל איז דאס מחויב יעדער מענטש צוא זוכין עצות אונ צוא קלוגין זיך וועגין זיינע קינדערלאך זייא זאלין ניט גיין אין דיא שלעכטע וועג פון פריצות אונ שטענדיג פארשטעלין פאר זייא דיא גרויסע עבירה וואס איז דא אין דעם אונ דיא גרויסע מצוה וואס זייא וועלין האבין אז זייא וועלין זיין גיהיט אין דעם. גם זאל ער זעהן תמיד בעטין רחמים פון השי"ת אז זיינע קינדער זאלין ניט קומען צוא קיין עבירה אונ צוא קיין מיאוסע זאך אונ בודאי וועט אים הקב"ה העלפין אונ זיין תפלה וועט ווערין אן גינומען אונ וויא עס שטייט אין דעם הייליגען ספר תנא דבי אליהו עס איז געוועזן אמעשה בייא איין כהן וואס ער איז געוועזן איין ירא שמים וואס ער האט גיהאט צעהן קינדער זעקס זכרים אונ פיר נקבות אונ אלע טאג פלעגט ער זיך בייגין צוא דער ערד אונ בעטין אונ מתפלל זיין צוא השי"ת אז איינער פון זייא זאל ניט קומען צוא קיין עבירה אונ צוא אונפאסיגע זאכען האבען דיא חכמים גיזאגט אז אין אקעגע צייט איז גיקומען עזרא אונ השי"ת האט מעלה גיוועזן אידין פון בבל אונ דער כהן איז אויך אויף גיגאנגען מיט זייא אונ דער כהן איז ניט נפטר גיווארין פון דער וועלט ביז ער האט זוכה גיוועזן צוא זעהן כהנים גדולים פון זיינע קינדער אונ קינדס קינדער אונ אויף איהם שטייט אין פסוק בטח בה' ועשה טוב דאס בטחון אין השי"ת אונ טוא גוטעס אויך שטייט בטחו בה' עדי עד כי ביה ה' צור עולמים. האט בטחון אן השי"ת אייביג ווארום צוא איהם איז ביידע וועלטין דיא כוונה איז ווער עס ווארפט ארויף זיין בטחון אויף השי"ת אונ טוט זיין רצון אונ בעט רחמים אז זיינע קינדער זאלין גיין אין דער וועג פון דיא הייליגע תורה העלפט איהם השי"ת ער זאל האבין פון זייא כבוד וגדולה אויף דער וועלט אויך. חוץ זיין גרויסער שכר וואס איז איהם באהאלטין אויף יענער וועלט ווארום צוא השי"ת איז ביידע וועלטין:

# הקדמה

הנה כאשר שזה הספר נתיסד להיות נשים זהירית להתנהג כדין וכדת אמרתי בנפשי שטוב לצרף לזה הספר עוד דינים מהלכות נדה הנחוצים לאשה שתהא בקיאה בהן כדי שלא תבוא לידי מכשול ואען ואומר, הנה כאשר ידוע לכל גודל הצרות והמצוקות אשר נתהוה בעולם מדי יום ביום וכאשר אנו רואים שאין אף איש אחד אשר ימלט מצרות שונות ובודאי משפטי ה׳ הוא בצדק וביושר. ע״כ צריך כל איש להתבונן במעשיו ולראות היטב ולא על מעשיו לבד כ״א לראות לתקן כל מה שיהיה ביכלתו גם מעשה זולתו מהעונות העצומים אשר נכשלים בהם בני אדם, והנה כאשר ידוע בנות ישראל נשים צדקניות הן ואינן רוצית לחטוא ח״ו מ״מ הרבה נכשלים בעון חמור של איסור נדה שיש ע״ז חיוב כרת והסיבה מפני שלא למדו הלכותיה ויש מהן הרבה שאין להם אבות שילמדו להם, וע״כ הדבר הזה הוא בנקל להם ואינן יודעות שיש בהלכות נדה כמה ענינים אשר בעיני האדם נראה שהוא דבר קל ובאמת הוא דבר חמור מאד שנוגע לאיסור כרת ר״ל ועי״כ בא האדם ג״כ אח״כ לצרות קשות ורעות, בנות ישראל התעוררו נא ורחמו על עצמכן וזכרו את אלהים היושב בשמים וגם רחמו על בניכם כי לבד העונש החמור שיש בעון נדה שהוא עונש כרת עוד הבנים נחשבים בני נדות אשר הם פגומים ומתועבים כמעט כמו ממזרים וגם רחמו על עצמכם כי המשנה הקדושה אסרה לנו שמה שהיולדות מתות בשעת לידתן הסיבה הראשונה הוא מפני שאינן זהירות בנדה, ואפילו אותה האשה שמניחין אותה בחיים ולא

---

אזוי וויא עס איז בעוויסט אויף דיא וועלט. דיא ביטערע צרות געבאך. וויא מיר זעהן געבאך היינט אוים אין אלע הינזיכטען און בוודאי דעם אייבערסטינס הנהגה איז ריכטיג. ברויך יעדער מענטש זיך גוט אום צוא קוקין. נישט אליין גאהר פיר זיך נאהר אויך בייא אנדערע צוא זעהן מיט אלע מיגליכקייט צוא פערראכטען אויף דיא גרויסע פערבכטלבע זינד. וואס ווערין פיל מענשין געבאך געשטרויכילט. און אזוי וויא עס איז בעוואסט דאס (נשים צדקניות) יודישע קינדער זענען ב״ה גוט און פרום און ווילען נישט חלילה קיין שלעכטץ טוהן. נאר דאך ווערין נעבאך פיר געשטרויכילט אין דער פארכטעליכען איסור נדה (איסור כרת ר״ל) דער וויל זייא האבין נישט גילערינט דיא דינים פון הלכות נדה און טייל וויל זייא האבין נעבאך נישט קיינע עלטערין וואס זאלין זייא לערנען, דאדארך איז בייא זייא דיא זאכען גרינג, און ווייסין נישט אז ווען מען גייט אראפ דיא מינדעסטע האר און מען טוט נישט וויא מען דארף צוא טוהן איז מען וייטער איין רעכטע נדה (בחיוב כרת ר״ל) און דאדארך קומען ארוים אלע ביטערע צרות, יודישע קינדער דערבארעמט אייך און געדענקט אין איין גאט אין הימעל און האט רחמנות אויף אייערע אייגענע קינדער דען נישט גענוג אז עס איז איין גרויסע פארכטערליכער איסור (כרת ר״ל) ווערין נאך דיא קינדער (בני נידות) וואס זייא ווערין גירעכינט כמעט אזוי וויא (ממזירים ר״ל) און אויך דערבארעמט אייך אויף אייערע יונגע יאהר, ווארום דיא הייליגע משנה שרייבט דאס וואס גיווינערינם גייען ר״ל אוועק פון דער וועלט אין דיא קימפעט, איז דאס ערשטע וויל זייא זענען נית גיהיט אין הלכות

נדה

מתה בעת לדתה צריכה לידע שהיא מזומנת עוד לעונש גדול וליסורים גדולים בעוה"ב. והיא תצטרך ליתן דין וחשבון על כל פעם ופעם שלא היתה זהירה כדין, וע"כ חזרנו והדפסנו את האזהרה הזו עם ענינים הנחוצים מאד מאותה הלכה מן הגאון הקדוש ר' **שלמה זלמן** זלה"ה אב"ד דק"ק **ווארשא** בעל **חמדת שלמה** אשר כל אשה תקח לה מועד לקרות וליזהר מאד שלא לסור מזה אפילו כמלא נימא ומי שאינה יודעת לקרות בעצמה להבין תבקש אשה אחרת שתאמר לפניה ותסביר לה הדבר והעיקר שלא תמנע מדבר זה מחמת בושה ותשער בעצמה אלו היתה צריכה לאיזה טובה שנוגע לה בעניני החיים שלה בעוה"ז בודאי לא היתה מתביישת ובפרט בדבר זה שנוגע לעוה"ז ולעוה"ב וגם נוגע לחיי בניה וכמו שכתבנו בודאי צריכה שלא תתבייש וכל איש מחויב לראות שתהיה אשתו בקיאה היטב באלו הלכות וטוב ונכון שקודם שנכנסות בנות ישראל לחופה אבותיה או קרוביה יבררו לה איזה עקרים מהלכה זו אותן הדינים שצריכה להן לידע ובזכות זה יתברכו ממעין הברכות ויזכו לבנים ת"ח ואריכת ימים:

דברי הצעיר המלקט בהסכם הרבנים **יצחק** בר"ז מווארשא.

---

נדה. אונ אפילו אזעלכע וואס מיא לאזט לעבין דארף זיא וויסען אז עס איז אהן גיגרייט גרוים שטראף אונ שרעקליכע יסורים אויף יענער וועלט פאר דיזע פארבטליכע עבירה אונ זיא וועט דארפין אפ געבין דין אונ חשבון פאר יעדער מאל דארום האבין מיר איבער ביים געדרוקט דיא אזהרה מיט דיא נייטיגע דינים פון הלכות נדה פון היליגען נאשעלצקער צדיק הגאון הקדוש ר' שלמה זלמן זצלה"ה אב"ד דק"ק ווארשא אז יעדע פרוי זאל זיך צייט נעמען צוא ליינען אונ דער פון נישט אב צוא גיין דאס גרינגסטע זאך אונ ווער עס קען ניט ליינען זאל בעטין איין אנדערע פרויא זיא זאל איהר גוט ערקלערין. אונ למע"ה נישט זיך צוא שעמען. זיא זאל זיך פארשטעלין אז זיא דארף האבין איין טובה וואס איר איז נוגע אין איר לעבין וואלט זיא זיך געווים ניט שעמען בפרט דאס איז נוגע אין דיא וועלט אין יענע וועלט אונ אירע קינדערסער לעבין דארף זיא זיך געווים ניט שעמען אונ יעדער מאן איז מחויב צוא זעהן אז זיין ווייב זאל אין דיא דינים גוט קלאר זיין. אונ דאס רעכט איז אז קיין יודישע טעכטער זאלין פריער אונטער דער חופה ניט גיין ביז דיא עלטערין אדער אירע פריינד זאלין איר אויס לערנען דיא הויפט דינים פון דאנענט וואס זיא דארף ווישען. אונ בזכות זה וועלין זייא גיבענטשט ווערין (ממעין הברכות) אונ וועלין זוכה זיין צוא האבין קינדער תלמידי חכמים אונ צוא אריכת ימים:

### א.

**כל** איש מחויב לפרוש מאשתו סמוך לווסתה היינו סמוך לזמן שהיא רגילה לראות ואפילו עדיין לא ראתה ואם אין לה זמן קבוע לזה צריכה לשאול אצל מורה הוראה איך לנהוג עם הפרישה שלה :

### ב.

**כל** אשה שצריכה לשאול שאלה בעניניה איננה רשאה לשאול אצל אשה אחרת כ״א אצל מורה הוראה. ולמע״ה שאשה לא תרהיב בנפשה לפסוק איזה דין :

### ג.

**כל** אשה שמרגשת שנפתח רחמה או שיצתה ממנה ליחה צריכה תיכף לבדוק עצמה בחתיכת בד נקי וכשתמצא איזה דבר לח אם היא לבנה לגמרי טהורה ואם אינו כך או שנפתחה רחמה ובדקה ולא מצאתה אח״כ כלום צריכה לשאול שאלה וכן אם לא בדקה תיכף משנפתחה רחמה צריכה ג״כ לשאול שאלה :

### ד.

**בזמן** שהיא טמאה בין מדם בין מכתם עד אחר הטבילה צריכה להיות מרוחקת מבעלה שלא יגעו זה בזה. היא אסורה לישן על מטתו וכן הוא על מטתה אף שלא בפניה וכ״ש כשגם היא שוכבת שם בודאי אסור להם לישן יחד אף כשהם מלובשין בבגדיהם והעון מזה גדול מאד ויש עבור זה עונש גדול והובא בסה״ק שדומה זה לאחד שמגלגל עצמו בבית הכסא. וגם צריכין ליזהר כל זמן נידותה קודם הטבילה

---

### א.

יעדע אשה איז זיך מחויב אפ צו שיידען פון איהר מאן ווען עס קומט אויס איהר (ווסת) דאס מיינט מען ווען זיא איז געוואוהנט צו זעהן אפילו אז זיא האט נאך ניט געזעהן אונ אז זיא האט נישט קיין געזעצטע צייט מוז זיא פרעגן א שאלה ביי מורה הוראה וויא זיא זאל זיך נוהג זיין מיט דעם אפ שיידען :

### ב.

יעדער אשה וואס דארף פרעגן א שאלה טאר זיא נישט פרעגן ביי קיין אנדערע אשה. נאר ביי איין מורה הוראה. אונ למע״ה קיין פרויא זאל זיך נישט דער וועגן צו פסקענען :

### ג.

יעדע פרויא וואס זיא האט געפיהרט אז איהר מוטער אדער געבירט האט זיך געעפינט, אדער זיא שפירט אז עס איז עפיס אפ געגאנגען פון איהר, מוז זיא זיך באלד גוט בודק זיין מיט איין טיכעל, אונ ווען זיא געפינט צבאסקייט אונ עס איז גאנץ קלאהר איז זיא טהור, אבער ווען עס איז נישט גאנץ קלאהר, אדער אפילו זיא געפינט גאר נישט מוס זיא מאכען א שאלה, דעס גלייכען אז זיא האט זיך נישט באלד בודק געווען מוס זיא אויך מאכין א שאלה :

### ד.

ווען זיא איז טמא סייא פון דם אדער פון איין פלעק ביז נאך דיא טבילה מוז זיא זיין דער ווייטערט פון איר מאן, זייא זאלין זיך נישט אהן רירען איינער דעם אנדערין ער טאר נישט שלאפין ביי איהר בעטיל ווען זיא איז אפילו נישטא אונ בפרט אז זיא איז אויך דא טארין זייא בודאי ניט זיין אין איין בעטיל אפילו אז זייא זענען ביידע אהן געטאהן דיא עבירה איז דער פון זייער גרויס דאס איז דער פאר דא איין שרעקליכער עונש ווערט געבראכט אין ספרים הקדושים דאס איז גלייך וויא מיא וואלגערט

זיך

שלא להושיט או לזרוק שום דבר מידה לידו, ויהיו זהירין שלא יראה בשרה במקום המכוסה. ולא ישחקו שניהם יחד ולא ידברו דברי היתול וקלות ראש ולא יאכלו ביחד מכלי אחד והוא אסור לאכול או לשתות מהמאכל או מהמשקה שנשאר ממנה אך אם שפכו אל כלי אחר מותר לו לאכול או לשתות. בכל אלו הדינים אין חילוק בין הימים שרואה בהם דם ובין הימים שסופרת השבעה נקיים כי כל זמן שלא טבלה הרי היא נדה גמורה לכל הדינים ולמעה"ש שלא יקילו עצמן בכל אלו הדברים [ועוד כהרבה דברים המובא בגמ' ופוסקים שנדה אסורה לעשות לבעלה] כי הם עבירות גדולות ולא יחטאו ח"ו את ימיהם:

## ה

## דיני הפסק טהרה

**בכל** אשה שנטמאת מדם או מכתם יכולה לעשות ההפסק טהרה ביום החמישי אם פסק מלזוב דמה היינו אם נטמאת ביום א' תוכל לעשות ההפסק טהרה ביום ה' ולמעה"ש ליזהר היטב שיהיה ההפסק טהרה כדין כמו שנכתוב בסמוך:

## ו.

**בדיקת** ההפסק טהרה צריכה להיות סמוך לשקיעת החמה שהוא ערך שעה קודם הלילה. ואם לא היה כן צריכה לשאול שאלה אצל מורה הוראה [ומה שכתוב בספר מעין טהור אחר בין השמשות הוא טעות הדפוס]:

---

זיך אין איין בית הכסא גם דארף מען זיך היטן אין דער צייט וואס זיא איז איין נדה ניט דער לאנגען אדער ווארפין קיין שום זאך אייגער דעם אנדערין. זייא זאלין זיין גיהיט אז ער זאל נישט זעהן איר פאר בארגין לייב זייא זאלין נישט לאכען צוא זאמען אונ ניט עסין צוא זאמען פון איין כלי ער טאר נישט עסין אדער טרינקען פון דער כלי וואס זיא לאסט איבער. נאר אז מען האט איבער גיגאסען אין איין אנדערע כלי מעג ער שוין עסין אדער טרינקען. עס איז ניט קיין (חילוק) אונטערשיד סייא דיא טעג וואס זיא זעהט דם. אונ סייא דיא טעג וואס זיא ציילט שוין דיא ריינע טעג ביז זיא גייט טבילה. איז זיא נאך א רעכטע נדה קייגען אלע זאכען. למעה"ש נישט צוא פערגרינגערין זיך נאהר שטארק אפ גיהיטען צוא זיין אין דיא אלע דינים. ווארים דאס איז גרויסע עבירות. זייא זאלין ח"ו זייערע יאהרין נישט פאר זינדיגען:

## ה.

## דינים פון אפ ציען.

יעדער אשה וואס איז טמא גיווארין פון דם, אדער פון איין פלעק, קען זיא מאכין דעם אבצוג אין פינפטען טאג, אויב עס האט שוין אויף גיהערט צוא גיין פון איהר דם, היינו אויב זיא איז טמא גיווארין זונטיג קען זיא מאכען דעם אבציג דאנערשטיג למענ"ה ולמענ"ה גוט גיהיט צוא זיין אז דער אבצוג זאל זיין רעכטיג כדין וויא ווייטער וועט שטיין:

## ו.

דער אפצוג דארף זיין איידער דיא זון גייט אונטער דאס איז אין ערך איין שעה פאר נאכט. אונ אויב עס איז גיוועז ווייניגער וויא איין שעה פאר נאכט דארף

## ז.

ההפסק טהרה צריך להיות כך. תרחוץ היטב אותו מקום וסביב ותלבש כתונת לבנה והציע על מטתה סדין נקיה ותקח חתיכת בד נקיה לבנה מפשתן או מצמר גפן [באנוויל] ולא תהיה חדשה אלא ישנה ותעיין אם היא נקיה ולבנה היטב ובזה תעשה הבדיקה היינו שתכנים את הבד באצבעה עמוק עד המקום שמרגשת בשהיא עם בעלה ותבדוק היטב בכל הצדדין בחורין ובסדקין ואם כבד לה מאד להכנים הבדיקה בעומק כ"כ כמו שכתבנו לכה"פ תראה להכנים בכל כחה עד המקום שידה מגעת בכל האפשרי ולבדוק בכל הצדדין בחורין ובסדקין. והאשה שאינה עושה כן ומכנסת הבדיקה כ"א מעט ומקנחת עצמה אין בדיקת הפסק טהרה שלה כלום ולא תועיל לה טבילתה והרי היא בחזקת נדה [בחיוב כרת ר"ל]:

## ח.

מהנכון שתנהג עצמה שאחר בדיקת ההפסק טהרה תכנים חתיכת פשתן נקיה בעומק וגם יהיה דחוק ויהיה מונח שם עד הלילה ואח"כ תוציא ותראה אם היא נקיה:

## ט.

מיום המחרת שאחר בדיקת הפסק טהרה זו תתחיל למנות השבעה נקיים ומחויבת לבדוק עצמה שתי פעמים בכל יום משבעת הימים שחרית וקודם הערב בחתיכת

---

זיא פרעגן א שאלה (אונ וואס אין ספר מען טהור שטייט נאך בין השמשות איז דאס צוגראז פון דרוק:

## ז.

דער אבצוג דארף זיין אזוי, זיא זאל זיך גוט צרום וואשן דאס ארט אונ ארום דעם ארט. אונ אן טוען אקלאדר העמד. אונ לייגן א קלאדר ליילעך. אונ נעמן א גאנץ ריין טיכיל פון לאווינט אדער פון באנוויל. נישט קיין נייא טיכעל אונ נישט קיין שטארקס נאר איין אלט טיכיל. אונ זיא קוקען אויב עס איז גוט ריין אונ וויים. אונ מיט דעם טיכעל מאכין דיא בדיקה. היינו זיא זאל דאס טיכעל אריין ברייננען אין דעם ארט מיט דעם פינגער גאנץ טיף. אזוי וייט וויא זיא שפירט ווען זיא איז צוא זאמען מיט איהר מאן אונ זאל זיך גוט בודק זיין אין אלע זייטען אונ אלע ווינקלען. אונ ווען עס איז איהר גאנץ שווער אריין צוא ברייננען אזוי וויא דא שטייט. צום וויינינגסטען מוס זיא זעהען מיט אלע קרעפטין אריין צוא ברייננען אזוי טיף ווי עס איז נאר מיגליך אונ בודק זיין אין אלע זייטין אונ אלע ווינקלען. אונ דיא אשה וואס טוט נישט אזוי. נאר זיא ברייננט אריין אביסיל אונ ווישט זיך אפ איז דער אבצוג גאר נישט גירעכינט. אונ עס העלפט גאר נישט איהר טבילה אונ זיא איז ווייטער א נדה (בחיוב כרת ר"ל):

## ח.

עס איז גלייך זיך נוהג צוא זיין אז נאך דעם אבצוג זאל זיא אריין ברייננען אריין טיכעל גאנץ טיף אונ איינג. אונ עס זאל דארטין ליגען ביז נאכט. אונ דער נאך זעהן אויב עס איז גאנץ ריין:

## ט.

פון מארגען נאך דעם אבצוג זאל זיא אן הייבען ציילען דיא זיבען ריינע טעג. אונ

זיא

בד נקיה ולהכניסו בעומק כנ"ל ואם כבד לה לעשות כן בכל יום למעה"ש לכה"פ פעם אחת משבעת הימי נקיים [והעיקר ביום ראשון] מוכרחת לעשות הבדיקה ממש כבדיקת ההפסק טהרה ושאר הבדיקות תעשה איך שתוכל. אך כל אשה צנועה בל תיקל עצמה בהבדיקות ותבדק עצמה היטב כל שבעת הימים ואם לא בדקה עצמה היטב אף באחד משבעת הימים בבדיקה טובה בעומק כמו שצריך להיות ורק הכניסה מעט וקנחה עצמה אינה נחשבת השבעת ימי נקיים לכלום וטבילתה אינה טבילה ועדיין היא נדה גמורה:

## י׳.

כל הבדיקות צריכות להיות לאור היום ולא לאור הנר ולא לאור האבוקה [לאמפ]:

## יא׳.

השבעה ימי נקיים צריכין שיהיו רצופים דהיינו שלא תראה בכל אלה הימים שום דם ולא שום כתם. ואם מצאה דם או כתם באמצע השבעה נקיים שנטמאה ע"ז. צריכה לחזור ולספור שבעה נקיים מחדש ולעשות מקודם בדיקת הפסק טהרה עוד הפעם כדין הנזכר למעלה, אלא שאינה צריכה להמתין חמשה ימים עד עשיית ההפסק טהרה כמו בתחלה אלא באותו יום שנטהרה מדם תוכל לעשות קודם הערב ההפסק טהרה וממחרת תתחיל לספור השבעה נקיים:

## יב׳.

נמצא איזה נשים שאינן יודעות איך להתנהג ובאשר צריכין לעשות ההפסק טהרה

---

זיא איז מחויב זיך בודק צו זיין צוויא מאל יעדען טאג. אין דער פריא אונ פאר נאכט אלע זיבען טעג. גאנץ טיף מיט איין טיכעל. נאהר ווען עס איז איהר שווער אזוי טיף בודק צו זיין ווי עס דארף זיין. למעג"ה אין ווייניגסטען איין מאהל פון דיא זיבען ריינע טעג (אונ דער הויפט איז דעם ערשטין טאג) מוז זיא מאכען א בדיקה אזוי וויא דיא בדיקה פון אפצוג אונ אין דיא רעשטע טעג גיוויינליכע בדיקות. נאר יעדע פרומע אשה זאל זיך נישט גרינג מאכין אונ זאל אלע טאג גוט בודק זיין. אבער ווען זיא האט קיין איין מאל פון דיא זיבען טעג אויך נישט בודק גיוועזן גאנץ טיף וויא עס גיהער צו זיין. נאר אביסעל אריין גיבריינגט אונ אפ גיווישט. איז איהר זיבען ריינע טעג נישט גירעכינט. אונ דיא טבילה איז קיין טבילה נישט. אונ זיא איז ווייטער גערעכטע נדה:

## י׳.

בדיקות דארפין זיין ביי דיא ליכטיקייט פון טאג נישט ביי קיין ליכט אונ נישט ביי קיין לאמפ:

## יא׳.

דיא זיבען ריינע טעג דארפין זיין נאך אנאנדער. זיא זאל אין דיא טעג גאר נישט געפינען קיין בלוט אונ קיין שום פלעק. אונ ווען זיא האט גיפונען בלוט אדער איין פלעק אין מיטען דיא זיבען ריינע טעג וואס זיא איז טמא גיווארין מוז זיא אויפס ניא ציילען זיבען ריינע טעג. אונ מאכין איין נייעם אפצוג רעכטיג וויא אויבין איז גישטאנען. נאר זיא דארף נישט ווארטין פינף טעג אויף דעם אפצוג. נאר ווען זיא ווערט ריין קאן זיא פאר נאכט מאכין דעם אפצוג אונ פון מארגין אן הייבין ציילען זיבען ריינע טעג:

אינן בודקות עצמן קודם הערב שמש ואומרת שמכוונת במחשבה שתתחיל ההפסק טהרה מביום ובלילה עושין הבדיקה מודיעים אנחנו אותן שהם בחזקת נידות גמורות כשעושין כן ומצוה לפרסם טעותן זאת

## יג.

**כלה** קודם התונתה צריכה לספור שבעה נקיים קודם טבילתה וההפסק טהרה והבדיקות מהשבעה נקיים שוה הוא לבדיקת שארי נשים ואסור לה להקל עצמה ח״ו בשום אופן אף בחוט השערה :

## יד.

**תתחיל** לספור השבעה נקיים סמוך לחתונתה כשיודעת בבירור הזמן המוגבל שהחתונה צריכה להיות :

## טו.

**אם** באמצע ספירת השבעה נקיים אירע שנתאחר זמן החתונה ולא תהיה בהיום אשר חשבו בתחלה צריכין לשאל אצל מורה הוראה אם צריכה לספור השבעה נקיים מחדש . ומצוה רבה לפרסם זאת כי כמה אנשים אינן יודעין זה שצריך לשאל שאלה על דבר זה וסוברים כי כיון שספרה שבעה נקיים דיה :

---

## יב.

טייל ווייבער וואס ווייסן ניט, אונ אז זייא דארפן מאכן דעם אבצוג, זענען זייא זיך נישט בודק פארנאכט, נאהר זייא זאגן אז זייא האבן אין זינען. אין בייא נאכט מאכין זייא דיא בדיקה, זאלין זייא וויסען אז זייא זענען רעכטע נידות, עס איז א מצוה דאס מפרסם צוא זיין :

## יג.

א כלה פאר דיא חתונה מוז ציילין זיבען ריינע טעג פאר דער טבילה. אונ דער אבצוג אונ דיא בדיקות פון דיא זיבען ריינע טעג איז גלייך וויא בייא איין אנדערע אשה דיא טאהר זיך גאר גאנץ פאר גרינגערין ח״ו אויף קיין שום פאל דיא מינדעסטע האהר :

## יד.

זיא זאל ערשט אן הייבין ציילין דיא זיבען ריינע טעג נאהנט פון דיא חתונה . ווען זיא ווייסט שוין קלאהר אונ זיכער ווען דיא חתונה וועט זיין :

## טו.

אז אין מיטען ציילין דיא זיבען ריינע טעג . האט זיך גימאכט איין עיכוב אז דיא חתונה וועט נישט קענען זיין אין דעם טאג וואס מען האט פריער אפ גישמיסט . דארף מען פרעגין א שאלה אויב זיא דארף איבער ציילען זיבען ריינע טעג . עס איז א גרויסע מצוה דאס בעקאנט צוא מאכין . ווייל פיל מענשין ווייסין נישט אז מען דארף פרעגין א שאלה . זייא מיינען אז זיא האט נאהר גיציילט זיבען ריינע טעג איז שוין גענוג

## טז.
## דיני טבילה

**יום** שצריכה לילך לטבילה לא תאכל בשר כל היום זולת אם אירע טבילתה במוצאי שבת מותר לה לאכול בשר בשבת אלא שתנקר היטב בין שיניה בערב קודם הטבילה כי אם יש דבר מה בין שיניה או על שיניה טבילתה אינה טבילה גם לא תלוש עיסה ביום טבילתה ולא תגע בכל דבר הנדבק על ידי. אך אם צריכה לעשות לכבוד שבת תעשה הכל ואך תרחוץ עצמה היטב אחר זה:

## יז.

**צריכה** לילך לבית הטבילה בעוד יום בכדי שתוכל לרחוץ את עצמה ולסרק ראשה וליטול צפרניה וכל מה שצריכה לעשות תעשה הכל ותעסוק בדברים אלה עד שתחשך. ואם אין באפשרי לה לעשות הכל קודם שחשכה מותרת לעשות בלילה אך כל העשה במהירות ורק בישוב הדעת. ומאד יש ליזהר שהאשה העומדת על הטבילה כל תחפז ותדחק בהנשים שיכלו מעשיהן שעי"ז לא יוכלו לעשות הכל כדין והאשה הדוחקת בהנשים שימהרו מעשיהן מחטאת את ימיה בזה ועונה תשא ואסורה להיות עוד ממונית ע"ז אם לא תטיב מעשיה

## יח.

**צריכה** לרחוץ היטב כל גופה וכל מקומות הנסתרים צריכה לטהר אותם שלא תשאר

---

## טז.
## דינים פון דיא טבילה:

דעם טאג ווען זיא דארף גיין טבילה זאל זיא דעם גאנצין טאג קיין פלייש נישט עסין. נאהר אז זיא איז טובל מוצאי שבת (שבת צונאכט) מעג זיא שבת עסין פלייש. נאר זיא זאל זיך גוט אויס שטעכין צוא ווישען דיא ציין פאר דער טבילה. ווארום אז עס איז עפעס דא צוא ווישען דיא ציין אדער אויף דיא ציין. איז דיא טבילה נישט קיין טבילה. אויך זאל זיא דעם גאנצין טאג נישט קנעטין קיין טייג אונ נישט אן ריהרען קיין קלעבעדיגע זאך. ווען זיא דארף טוהן לכבוד שבת. מעג זיא טוען. נאר זיא זאל זיך באלד דער נאך גוט אפ וואשין:

## יז.

זיא זאל גיין ציטליך פאר נאכט אין מקוה. כדי זיא זאל קענען זיך באדין צוואגין אלעם וואס מען דארף טוהן אלעם פאר נאכט אונ עס זאל דויערין אין דער נאכט אריין. אונ ווען עס איז אבער איהר נישט מעגליך אלעס צוא טוהן פאר נאכט. מעג זיא טוהן ביי נאכט. נאר זיא זאל נישט טוען האלינדיג נאר גילאסין. למענ"ה דיא טיקערין זאל נישט יאגין אויף דיא ווייבער ביי דעם באדין. כדי זייא זאלין קענען אלעם טוהן כדין. אונ דיא טיקערין וואס יאגט אויף דיא ווייבער פאר זינדיגט זיא זיך איהרע יאהרין. אונ זיא טאהר נישט זיין קיין טיקערין:

## יח.

זיא זאל זעהן זיך גוט ארום וואשין דעם גאנצין גוף. אונ אלע פארבארגענע ערטער זיין צוא מאכין. עס זאל אויף איהר גאר נישט קלעבין. אונ דיא האר גוט צוא קעמען

עליהם שום לכלוך. וצריכה לסרק ולחוף את שערותיה היטב וכל זה יהיה בסוף חמין. ואחר רחיצתה צריכה להשגיח היטב על כל גופה אם אינו דבוק שום לכלוך בגופה ואם נקי הוא לגמרי ובהמקומות שלא תוכל לראות בעיניה תמשמש בידי׳ה אם אין שם לכלוך וכן כשהולכת על המדרגות אל המקוה ומתלכלכים רגליה בעפר וטיט תרחוץ אותם היטב במי המקוה קודם טבילתה ותעיין קודם הטבילה על רגליה ובין אצבעותיה אם הם נקיים:

## יט.

**האשה** העומדת על הטבילה צריכה להשגיח היטב שלא תצא מהאשה המובלת בשעת טבילתה שום חלק קטן מגופה מן המים וגם על שערה מאד צריכת להשגיח שלא יצופו למעלה מן המים כי אף אם יוצאת רק מקצת משערה אחת מתוך המים לחוץ אין טבילתה טבילה כלל והרי היא עדיין בנידותה באיסור כרת ר״ל ע״כ צריכין ליזהר מאד בזה. ומנהג טוב שהנשים לא ישאו על עצמן שערות גדולות כדי שלא תבאנה לידי מכשול בטבילתו:

## כ.

**לא** תטבול עצמה בקומה זקופה וגם לא תשוח הרבה יותר מדי [וע״כ צריך שיהי׳ גובה המים לכה״פ כזרת למעלה מטבורה [נאפיל] כי יש מקומות בגוף שנסתרין כשעומדת בקומה זקופה וכן כששוחה עצמה הרבה ולא תבא שם המים אלא צריכה לכפוף עצמה מעט כמו בעת שעורכת עיסה. ידיה לא יהיו סגורים רגליה לא יהיו

---

אונ אויס צוואגין. אונ דאס אלעס זאל זיין מיט ווארעם וואסער. אונ נאך דעם באדין זאל זיא זיך גוט ארום זעהן דעם גאנצען גוף אויב עס קלעבט נישט עפעס אויף דעם גוף. אונ אויב ער איז גאנץ ריין. אונ דיא ערטער וואס זיא קען נישט דער זעהן מיט אויג זאל זיא ארום טאפין מיט דיא הענד אויב עס איז גאר ריין. גם אז זיא גייט אראפ אין מקוה אונ דיא פיס ווערין איין געטרעטין אין בלאטע זאל זיא פאר דיא טבילה גוט אפ וואשין אין מקוה דיא פיס אונ צווישין דיא פינגער אונ בייא קוקען אויב עס איז גאר ריין:

## יט.

דיא טיקערין דארף שטארק אכטונג געבין בשעת טבילה אז עס זאל נישט ארויס שטארין קיין שום חלק פון גאנצין גוף פון וואסער. אונ אויף דיא האר שטארק אכטונג צוא געבען עס זאל נישט ארויס שטארין אדער שווימען איבער דעם וואסער. ווארום אז עס האט ארויס געשטארט פון וואסער אפילו איין ברעג פון איין האר איז דיא טבילה גאר נישט קיין טבילה אונ זיא איז ווייטער איין רעכטע נדה ע״כ איז אמנהג טוב אז ווייבער זאלין נישט גיין אין גרויסע האר כדי זייא זאלין נית קומען צוא קיין מכשול אין טבילה:

## כ.

זיא זאל זיך נישט טובל זיין אויף געשטעלט. אויך נישט שטארק איין גיבויגען דען עס איז דא ערטער אין גוף וואס ווערין פאר בארגין דארך דעם. אונ דאס וואסער קומט נישט אויף זייא דאריבער זאל זיא זיך טובל זיין אביסעל איין גיבויגען אזוי ווי זיא וועלגערט טייג. דיא הענט זאל זיא נישט האלטין צוא געמאכט. דיא פיס זאל זיא

נישט

מדובקים זה בזה שאם היו רגליה מדובקים זה לזה ומדיה סגורים עד שלא תוכל לבא שם המים ביניהם לא עלתה לה טבילתה. פיה אינה מחויבת לפתוח שתבא מים לפיה אבל לדבק שפתיה ביותר אסור. אך צריכה שיהיו שפתיה רפוים כמו שהם תמיד. עיניה אסור לסגרם היטב וכן לפתחם ג"כ אסור אלא צריך שיהיו סגורים מעט. וצריכה ליזהר בכל אלו הדברים כי כמה דברים מעכבים הטבילה אף בדיעבד ואם לא תזהר בהם תפסל את טבילתה. ולכן לא תעשה הטבילה במהירות כ"א בישוב הדעת כדי שתזכור את כל אשר צריכה לעשות ובכל אשר צריכה ליזהר:

## כא.

**אם** אירע טבילתה בליל ש"ק צריכה לילך לבית המרחץ בעוד היום גדול לא פחות משעה שלמה קודם זמן הדלקת הנרות כדי שיהא לה שהות להקן את עצמה היטב קודם זמן הדלקת הנר שלא תבא לידי חילול שבת ח"ו ותוכל לילך להדליק נרות שבת בזמנה ואח"כ תלך לבית הטבילה. ואם נתאחרה ותראה כי לא יהיו לה שהות לבא להדליק הנרות בזמנה תגיד לבעלה שהוא ידליק הנרות כדי שלא תצטרך למהר את עצמה מחמת זה וע"י המהירות לא תעשה הכל ח"ו כיאות. וקודם כל דבר תטול צפרניה והסרק את עצמה כל עוד שלא שקעה החמה כי משתשקע החמה וחשכה אסור לעשות זאת וממילא תהא צריכה לדחות טבילתה ליום אחר. ואם שכחה ליטול צפרניה ושקעה החמה צריכה לישאל אצל מורה הוראה. והנני מזהירם ומודיעם כי האשה

---

ניט האלטען צוא זאמען. ווארום אז זיא האט דיא הענט געהאלטין צוא געמאכט, אדער דיא פים געהאלטען צוא זאמען וועלכעס דאס וואסער קען ניט אריין קומען. איז דיא טבילה ניט קיין טבילה, דאס מויל דארף זיא ניט עפענען עס זאל אריין גיין וואסער אין מויל, אויך זאל זיא ניט שטארק צוא מאכין דיא ליפין, נאר זיא זאל זיא אביסעל צוא האלטין אזוי וויא עס איז געוויינטליך, דעם גלייכען דיא אויגען זאל זיא ניט שטארק עפענען, אונ אויך ניט שטארק צוא האלטין, נאר אביסעל צוא געמאכט. זיא מוז געווארינט זיין אין דעם אלעמען, ווארום אז זיא איז ניט געווארינט אין דעם אלעמען איז דיא טבילה ניט גירעכינט פאר קיין טבילה, איבער דעם זאל זיא דיא טבילה ניט מאכין האלינדיג, נאר מיט ישוב הדעת, זיא זאל אין זינען האבין אלעס וואס זיא דארף טוהן, אונ אלעס וואס זיא דארף געווארינט זיין:

## כא.

אז דיא טבילה קומט אויס פרייטיג צוא נאכט זאל זיא גיין אין באד גאנץ פריא ביי טאג אום וויינגסטינס א שעה פאר ליכט צינדען כדי זיא זאל אלעס קענע פארטיג מאכין זיך פאר נאכט זיא זאל ניט קומען צוא חילול שבת ח"ו אונ זיא זאל גיין אהיים ליכט צינדען אין דער צייט אונ דער נאך זאל זיא גיין צום בית הטבילה, אונ אז עס איז שוין שפעט דארף זיא היסין איהדער זיא גייט אוועק דעם מאן ליכט צינדען כדי זיא זאל זיך ניט דארפין אהיים היילין גיין ליכט צינדען ווארום דארף דעם קען זיא ניט מאן אלץ וויא מען דארף אונ ווייא זיא קומט אהיי איז דאס ערשטע דיא נעגיל אראפ צוא נעמען אונ אוים צוא קעמען זיך איידער דיא זון גייט אונטער ווארום אז עס ווערט שבת טאר מען דאס ניט מאהן, וועט זיא דאך ניט קענען גיין אין טבילה אונ אויב זיא האט פאר געסין אפ שניידען אונ דער ווייל איז געווארין שפעט דארף זיא פרעגין א שאלה. מען איז מזהיר אונ מען ווארינט גאנץ שטארק אז דיא אשה וואס שנייט נעגיל נאך דיא

ציים

אשר תסרי את שערה או תחתוך צפרניה אחר זמן הדלקת הנרות היא מחללת שבת שיש בזה עון מיתה ח"ו ומה שאומרות איזה נשים כי מפני מצות טבילה מותר ליטול הצפרנים או לסרק את שערה גם אחר זמן הדלקת הנר מודיעים אנחנו כי טועות הן בדבר זה כי לא הותר שום איסור מחמת מצוה זו ולמעה"ש שלא להקל עצמה ובל תחטא את ימיה בעון חלול שבת ח"ו:

## כב.

**הנה** יש עוד הרבה דינים מהלכות נדה הכתובים בספר מעין טהור ועוד בכמה ספרים אשר כל אשה מחויבת ללמוד אותם ולא כאיזה נשים שאומרות שהדינים מספר מעין טהור הוא רק לנשים צדקניות. לא כן הדבר אלא שכל הדינים מספר מעין טהור מחויבת בהם כל אשה ואשה ואסור לסור אפילו מאחד מהדינים אפילו כחוט השערה אם לא בשאלת מורה הוראה ואנחנו כתבנו בזה רק עקרי דינים המצויים ביותר שמחוייבת כל אשה ללמוד אותם הרבה להיות בקיאה בהם שלא תכשל בהם ויש כמה נשים עלובות אשר לא ידעו לקרות בספר ומחמת זה נכשלים ר"ל בכמה דברים שהם ח"ו כנדות גמורות. ע"כ אנו מבקשים מאד מאד שאותן הנשים היודעות לקרות בספר ירחמו על אלה הנשים העלובות שלא יחטיאו ימיהם ח"ו ולהודיע וללמוד אותן את עקרי הדינים הנחוצים עד שיהיו בקיאין בהן וידעו ליזהר בהם ובזכות זה יזכו לכל טוב ואושר בעוה"ז ובעוה"ב אמן:

## כג.

**יולדת** במדינתנו אינה צריכה להמתין שמונים יום לנקבה כמו שנוהגות איזה נשים.

---

צייט פון לעכט צינדין. איז זיא מחלל שבת וואס עס קומט דער פאר מיתה ח"ו אונ וואס טייל ווייבער זאגין אז וועגין דיא מצוה פון טבילה מעג מען שניידען נעגיל אדער קעמען אדער צוואגין נאך דיא צייט פון ליכט צינדען. וועגען מיר מודיע אז זייא זענען אין דעם גאר גינארט, עס איז קיין שום זאך נישט מותר צוא ליב דיא מצוה פון טבילה, אונ למענ"ה ח"ו נישט זיך מתיר צוא זיין זייא זאלין זיך נישט פאר זינדיגען זייערע יאהרען:

## כב.

עס איז דא נאך פיל דינים פון נדה וואס שטייען אין ספר מעין טהור, אונ אנדערע הייליגע ספרים וואס יעדע אשה איז זייא מחויב צוא לערנען, אונ נישט אזויא וויא טייל זאגין אז דיא דינים פון ספר מעין טהור איז נאר פאר דיא פרומע ווייבער, עס איז נישט אזוי יאר דיא אלע דינים פון ספר מעין טהור איז פאר יעדע אשה מען טאר נישט אפ טרעטין דיא מינדעסטע האר פון אלע דינים בידין מיט א שאלה פון א מורה הוראה, אונ מיר האבין נאר דא גישטעלט דיא הויפט דינים וואס גיוויינטליך איז, וואס מען דארף זייא שטארק צוא לערנען אונ גוט קלאהר צוא זיין, אונ עס איז נעבאך פאר האנדין פיל ווייבער וואס קענען נישט לייענען דערום ווערין זייא ח"ו נכשל (גישטרויכילט) אין פיל זאכין וואס זייא זענען ח"ו רעכטע נידות, ע"כ בעט מען זייער אונ זייער אז דיא וואס קענען לייענען זאלין זעהן בהמנות צוא האבען אויף זייערע יאהרין אונ זייא צוא לערנען אונ קלאהר צוא מאכין אין דיא נייטיגע דינים, ובזכות זה וועט זייא גוט אונ וואהל זיין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט אמן:

אלא מיד אחר ארבעה עשר יום מיום לידתה לנקבה ושבעה לזכר והיא נטהרה מדם תוכל לעשות בדיקת הפסק טהרה והתחיל לספור שבעה ימים נקיים והטבל כדין ומותרת לבעלה אך אם תבא דם אחר טבילתה אסורה לבעלה כמו כל הנשים :[חכ"א]

---

## כג.

איולדת דארף זיא ניט ווארטין אין אונזערע מדינות קיין אכטציג טעג לנקיבה וויא אנדערע ווייבער זענען זיך נוהג נאר וויא עס גייט אוועק פערציג טעג פון געווינען צוא איין נקבה אונ זיבען טעג פון א זכר אונ זיא איז ריין געווארין פון דם קען זיא מאכין איין אבצוג אונ אן הייבין צוא ציילין זיבין ריינע טעג אונ טובל זיין זיך איז זיא מותר צום מאן נאר אז זיא וועט איבער אניים זעהן דם ווערט זיא אויך אסור צום מאן [illegible] וויא אלע :

# חתימת הספר

וד"ע עוד דמה שנתפרץ באיזה מקומות כהיום שהבחורים [פורעי מוסר ובני בלי תרבות] מרקדים עם הבתולות על החתונות עון פלילי הוא ועוברים בזה על כמה וכמה איסורים וכבר אחז"ל המסתכל באשה אפילו באצבע קטנה של אשה כיון שמסתכל בה כדי ליהנות אפילו יש בידו תורה ומע"ט לא ינקה מדינה של גיהנם וזהו אפילו בהסתכלות בעלמא וכ"ש בזה שהוא מרקד עמה ועובר על זה במה דכתיב ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם [וכמו שמפרש בספר החינוך ע"ש] וגם על מה דכתיב ונשמרת מכל דבר רע ואחז"ל שהוא אזהרה שלא יהרהר אדם ביום ויבוא לידי טומאה בלילה והרי דאפילו הרהור בעלמא שהוא שלא כהוגן אסרה התורה כדי שלא לבוא לידי טומאה וכ"ש בזה שהוא עושה מעשה בפרהסיא להביא עצמו לידי הרהור ולידי הסתכלות וגם בודאי לידי טומאה בלילה ג"כ לבסוף ועל כולם מצוי שעובר ע"י הריקוד גם על הלאו דלא תקרבו לגלות ערוה וכפי מה שידוע שכתבו הפוסקים דבתולות דידן בכלל נדות הם משיגיעו לזמן וסת ובכלל עריות הם ולפעמים מחבקין ומנשקין איש את רעהו בעת הריקוד שהיצה"ר בוער בקרבו ועובר בזה על לאו זה וכמו

---

ודע זאלסט וויסן וואס עס איז אויף גיבראכין געווארין אין איניגע ערטער אז בחורים טאנצין מיט מיידליך אויף חתונות איז אגרויסער עון אונ זייא זיינען דער מיט עובר אויף כמה עבירות דיא גמרא זאגט אז איינער איז מכוין צו קוקין אויף איין אשה אפילו אויף איר קליינער פינגער אפילו ער האט תורה אין מעשים טובים וויא אונזער היילגער משה רבינו וועט ער ניט גישיינקט ווערין פון גיהנם אונ דאס איז דאך פארין קוקין אליין אונ כל שכן אז ער טאנצט אויך מיט איר איז ער עובר דורך דעם וואס דיא תורה זאגט ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם איז דער מיין איר זאלט ניט ארום זעהן נאך אייער הארצין אין נאך אייערע אויגין דהיינו מהע זאל ניט נאך גיין נאך דיא הנאה פון גוף וואס דם מענטשין ווילצאך וויא באלד דאס איז ניט גאטס רצון אונ ער איז עובר אויף דעם פסוק ונשמרת מכל דבר רע זאגט אויף דעם דיא גמרא אז דאס איז אפארזאג אז דער מענטש זאל ניט האבין קיין הרהורים (דאס הייסט מיאוסע גידאנקען) כדי ער זאל ניט קומען צו טומאה בייא נאכט היינט אפשיטא שיין דא אז ער טוט אזעלכע פעולות וואס דאס ברענגט דעם מענטשין צו אלע הרהורים אונ צו הסתכלות וגם צו טומאה בייא נאכט אונ איבער אלע איז מצוי ער זאל עובר זיין דורך דם טאנצין אויף דעם פסוק ולא תקרבו לגלות ערוה אין וויא דיא פוסקים זאגין אז דיא בתולות זיינען אלע בחזקה אז זייא זיינען נדות זיינען זייא דאך אין כלל פון עריות היינט מכלא וויא ער איז איר מחבק (היינו ער נעמט איר ארום) בייא דעם טאנצין איז ער עובר אויף דעם לאו היינט זעט וואס פאר אין הארבע עבירה דאס איז דער דין איז פון דער תורה אז מהע זאל אידין גייטין ער זאל מחבק ומנשק זיין איין נדה דארף ער זיך בעסער לאזין הארגענען אין דאס ניט טאן אין דער גענטט מיט איין אייגענעם רצון אונ טוט אזוי איין עבירה אין אפילו זיא איז אן גיברייט צו זיין זיינע אוייב דהיינו דאס איז נאך תנאים איז אייך אסור אין דיא אלע זאכין אונ עס איז קיין שום היתר ניטא מתמת דעם גם דורך אזעלכע התקרבות קען ער חלילה קומען צו איין עון וואס דער פאר קומט כרת דאס הייסט אפ גישניטענע יארין ר"ל אין ספר

חסידים

שכתבו בפ"ח בשם הרמב"ם דעון פלילי הוא מאד. והוא מאביזרייהו דעריות שצריך ליהרג ולא לעבור ע"ז אפילו אם היו כופין אותו ע"ז ואוי ואבוי יהיה להעושים כן בשאט נפש. ואפילו אם היא עתידה להיות אשתו כגון שהוא אחר כתיבת התנאים ג"כ אסור בכל הדברים הנ"ל ואין שום היתר בזה מחמת שנתקשר עמה בתנאים. גם יכול לבוא מענין הרע הזה של התקרבות אהדדי לכמה איסורים גדולים של עון כרת ר"ל וכבר אחז"ל בנזיר סחור סחור לכרמא לא תקרב. ואיתא בס"ח סימן קס"ח וז"ל אל תערב בנים ובנות פן יחטאו וכדכתיב אז תשמח בתולה במחול והיינו לבדה אבל בחורים וזקנים יחדו וכן בסוף תהלים בחורים וגם בתולות ולא אמר בחורים עם בתולות כמו שאמר זקנים עם נערים. מעשה באדם שהיה רוכב יחידי בלילה והלבנה זורחת באותו לילה והיה רוכב במדבר והיה רואה חיל גדול ועגלות גדולות ועל העגלות יושבים בני אדם והמושכים העגלות בני אדם ותמה מה היו עושים כשנתקרב אצלם הכיר מקצתם שכבר מתו אמר להם מה זה שאתם מושכים כל הלילה העגלות ומקצתכם על העגלות א"ל בשביל עונינו כשהיינו חיים באותו עולם היינו משחקים עם נשים ובתולות ועתה אנו מושכים העגלה עד שכך אנו עיפים ויגעים שלא נוכל לנהוג יותר ואז יורדים אותם שעל העגלה ואנו עולים ונחים ונוהגים אותנו עד שיגעים ועיפים ואח"כ הם עולים ונחים וזהו שנאמר הנני מעיק תחתיכם כאשר תעיק העגלה וכתיב הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה [היינו שמכל עון נברא משחית והוא נעשה כבד מאד כעגלה טעונה שצריך למשכו בעבותות גדולות ובע"כ צריך האדם למשכו מפני אימתו והענין הזה הוא הכל מדה במדה כמו שהיה פה מרקד כ"א לפני חבירו עד שהיה מתיגע ושובת וחוזר השני ומרקד לפניו עד שהוא מתיגע וחוזר חלילה וכן נעשה אח"כ העונש] והישרים מכים את המוליכים [קורא ישרים לשלוחי הדין שהולכים עמהם בצוותא חדא ומפני הרמז שמביא ע"ז מהכתוב שנאמר

---

הסידים שטייט עס טארין זאך ניט מיסין בנים מיט בנות אין איינעם ווארום זיי קענען דורך דעם קומען צו עבירות אונ דער צו איז ראיות פון פסוקים גם ברייגנט ער אמעשה נורא אמאל האט אמענטש גירייטן אין דער מדבר איינער אליין ביי נאכט אונ די לבנה האט יעגנצמאלט גישיינט האט ער דער זעהן אגרויסע חיל גייען אונ גרויסע וועגין אין אויף די וועגין זיצין מענטשין אין די וואס שלעפין די וועגין זיינען אויך מענטשין האט ער זאך זייער גיוואונדערט וואס איז דאס איז ער צוא גיגאנגען נענטער הט ער דער קענט אז דאס איז מענטשין וואס זייא זיינען שוין לאנג גישטארבין האט ער זייא גיפרעגט וואס איז די מעשה וואס איר שלעפט אגאנצע נאכט די וועגין אונ אנדערע זיצין אויף די וועגין האבין זייא גיענטפערט דאס איז איבער אונזערע עבירות בשעת מיר האבין גילעבט האבין מיר גיטאנץ עם נשים ובתולות דער פאר שלעפין מיר איצטער די וועגין ביז מיר ווערין זייער אפ גימאטערט אז מיר קענען שוין מעהר ניט רירין פון ארט גייען ארונטער די מענטשין וואס אויף די וועגין אין מיר גייען ארויף אויפין וואגין אין מיר רוען אביסיל אפ ביז דאגען זייא ווערין פאר מאטערט גייען זייא אין דאס איז אלץ מדה במדה דאס הייסט אזוי אזוי אנטקעגין אזוי וויא עס פירט זאך ביי איין טאנץ איינער גייט אנטקעגין דעם אנדערין ביז וואנענט ער ווערט פאר מאטערט שטעלט ער זאך אויף איין ארט אונ יענער טאנצט אנטקעגין איהם אז זייא פירט זאך דארטין מיט איהם ער וויל נעביך ניט שלעפין דעם וואגין נאר די פייערדיקע שלוחים שלאגין זייער אז ער זאל פירין דעם וואגין אזוי וויא איינער טרייבט אפערד ער זאל פירין דעם שווערין וואגין ווארום דער כלל וויא באלד ער איז נאך גיגאנגען נאך די

נאות

שם ישרים] כמנהיג את הבהמה והעגלה שנאמר נמשל כבהמות נדמו וכתיב בתריה וירדו בם ישרים לבקר [ר"ל ש"ס שהישרים רודים בהמוליכים כמנהיג את הבהמה] ומי שעושה מעשה בהמה בתח"ו יש לו לעבור באותו עולם כבהמה עכ"ל הספ' חסידים וע"כ צריך האדם ליזהר בזה מאד מאד :

---

והנה ידוע כי יש על כל איש מישראל מ"ע מה"ת להוכיח בעמיתו כשנכשלין באיזה איסור כמו שנאמר הוכח תוכיח וגו' ועי"ז שמוכיחו הוא מציל את עצמו שלא יתפס באותו חטא דכשם שנפרע הקב"ה מעושי העון כך נפרע מאלה שהיה בידו למחות ולא מיחו וכמו שאמרו חז"ל (שבת נ"ה) מי שיש בידו למחות באנשי עירו ולא מיחה נתפס עבורם ומי שהיה בידו למחות באנשי ביתו ולא מיחה נתפס בעון אנשי ביתו וגם ידוע דכל איסור שנעשה בפרהסיא הוא חמור הרבה יותר מבצנעא שנקרא מחלל ש"ש בפרהסיא ואז גם חיוב ההוכחה גדול ביותר שלא יאמרו הותר מצותיו של הקב"ה וע"כ גם במנהג הרע הזה שעוברים בפרהסיא על עון חמור של קריבת עריות והרהורי עבירה וכנ"ל כל איש שיראת השם נגע בלבבו חלילה לו לשתוק ושלא למחות בזה ומי שיכולת בידו למנוע ולא מנע חלא יתפס גם הוא בחומר העון וכנ"ל וכדאיתא כעין זה ג"כ בויקרא רבה על הפסוק שה פזורה ישראל. ישראל נמשלו לשה מה דרכו של שה לוקה באחד מאיבריו וכולם מרגישין [היינו כל הצאן דדרכן להמשך זה אחר זה וכשאחת לוקה באבריה ופסקה מלילך עוד כולם יעמדו באותו מקום] אף ישראל אחד חוטא וכולם נענשים תני רשב"י משל לבני אדם שהיו באים בספינה נטל אחד מהם קודח והתחיל וקדח תחתיו א"ל חבריו למה אתה עושה כן א"ל מה איכפת לכם לא תחתי

---

תאות הגוף איז ער געגליכען וויא דיא בהמה וואס איבער דיא ביסעל גראז וואס זיא דער זעט אין דרויסען זיא איבער קערין דעם גאנצען וואגין אין דרויי אריין אונ זיך אויך קאלעצען אונ וויא עס שטייט אין פסוק נמשל כבהמות נדמו. על כן דער וואס איז אמענטש דארף פון אזוי איין דרך זייער איינגעלויפין וועט ער דער פאר זוכה זיין צו עולם הבא אונ ער וועט ניצול ווערין פון גיהנם.

---

והנה עס איז בעוואוסט דיא מצוה פון הוכחה אז כל ישראל איז מחויב צו שטראפין אונ אפ צו האלטין אידין פון איין עבירה אונ אז ער קען אפ האלטין אונ ער שווייגט ווערט ער אויך גישטראפט אויף יענעמס זינד אזוי זאגט אונז דיא גמרא אין שבת (דף נ"ה). אויך איז בעוואוסט אז יעדער זינד וואס ווערט גיטאן בפרהסיא פאר אפולע מענטשין איז עס אפולע שטארקער עס ווערט אן גירופין מחלל שם שמים בפרהסיא היינו ער ווייזט פאר אלעמען אז אים הארט ניט פאר דיא מצות פון הקב"ה על כן איז דערנאמאל דיא מצוה פון הוכחה אויך גרעסער מען זאל ניט מיינען אז עס איז טאקע הפקר די מצות הש"י ע"כ אין דעם שלעכטין מנהג וואס מען איז עובר ברבי פאר אלעמען אויף אזוי א הארבין עון פון עריות אונ הרהורים רעים ר"ל איז יעדער איד מחויב ניט צוא שווייגען אונ אפ צו האלטין וויא זיין מעגליכקייט איז כדי ער אונ אנדערע אידין זאלין ניט גישטראפט ווערין פאר דיא גרויסע זינד ווארום אידין זיינען ערבים איינער פאר דעם אנדערין. אונ אזוי ווערט גיבראכט אמשל אין מדרש פיל מענטשין זיינען גיפארין אויף א שיף האט איינער גימאכט אלאך אין שיף האט מען אים גיפרעגט צו וואס טוסטו דאס האט ער זיא גיענטפערט איך

אני קודח א"ל מפני שאתה מציף עלינו את הספינה ע"ש. ויש לו להשתדל ולהעריך לפניהם בנחת חומר העון וגנות הדבר שאמנם מלבד חומר העון חרפה הוא לבני ישראל שנשתבחו מעולם במדת הצניעות ופריצות גדול כזה מגונה מאד להם ורק מפיתוי היצר נעשה הדבר כהיתר אצל הצעירים ואינם מתבוננים חומר העון וגנות הדבר ואף אם לא ישמעו לו הלא קיים מצות הוכחה ואת נפשו הציל וגם באמת בודאי אם לא ישמעו לו כולם יש הרבה בחורים ישרים שנכשלין בזה מפני שאינם מתבוננים בחומר האיסור וכשיעריך להם בודאי יפרשו מזה. ואמנם גדול זכות המוכיח המונע בזה דשכשנעשה איסור חמור בפרהסיא ולא נמצא אף אחד שימחה בדבר יש חרון אף ר"ל על כולם מחמת שעוברים על רצון המלך בפרהסיא ואין איש שם על לב לחוס על כבודו של מלך ולקנא את קנאתו והחס לכבודו ועומד למקנא קנאתו זכותו גדול שעי"ז משכך חמתו של הקב"ה וכמו שמצינו אצל המעשה דפנחס שאמר הכתוב הנני נותן לו את בריתי שלום מחמת שהשיב חמת ה' מישראל ע"י שקנא קנאתו ואמרו במדרש משל למלך שהיה עובר וסיעה של נערים עומדים וקלל אחד מהן את המלך נתמלא המלך עליהן חמה בא תושב אחד שהיה ביניהן ונתן מסטר אחד [היינו מלשון סטרו על פניו] לאותו שקלל את המלך מיד שככה חמתו של מלך עי"ש. והנה על כל אלה לפלא בעיני על המחותנים אבות החתן והכלה שכל ישעם וחפצם לראות טוב על ביניהם שהכניסם לחופה שיחיו חיי שלום ויצא מהם דור ישרים ויזכו לעושר וברכה מה' וכן

---

טוא דאך אויף מיין ארט האבין זייא אים גיזאגט שוטה מיט דעם ברייגנגסטו דאך דאס וואסער פון ים אויף אלעמען. ע"כ דארף מען זיך משתדל זיין אונ פאר לייגען זייא מיט גוטען דיא גרויסקייט פון דער זינד דער אויך דעם בזיון דער פון ווארום אויסער דיא גרויסע עבירה איז דאס א גרויסע חרפה פאר אידין וואס זייגען גירימט גיווארין מיט דיא מדת הצניעות מער ניט דער יצר הרע פאר בלענט זייא דיא אויגען וואס זייא פילין ניט דיא זינד אונ דעם בזיון פון דעם אונ ער האט נאך גימאכט דיא זאך כשר אונ שיין והנה אז ער וועט ריידין אונ מען וועט אים אפילו ניט פאלגין האט ער מקיים גיוועזן דיא מצות פון הוכחה אונ פון זיך אראפ גינומען דיא זינד אונ באמת א בסיל וועט גיוויס העלפין זיינע רייד דיא ארינפליבע מענטשין וואס ווערין נכשל אין דעם מנהג רע מחמת זייא וויסין ניט דיא גרויסקייט פון דיא עבירה אונ די שאנד וואס איז אין דעם איז אזוי וועלין הערין וועלין זייא גלייך אפ שטיין פון דעם; אויך דארף מען וויסין אז דער וואס שטעלט זיך אונ ווערט אין דעם איז זיין זכות זייער גרויס ווארום אז עס ווערט גיטאן איין עבירה בפרהסיא אונ קיינער ווערט ניט קען זיין חלילה ארוגז אויף אידין פאר וואס קיינעם ארט ניט פאר דעם כבוד פון הקב"ה. אזוי שטייט באיי די מעשה פון פנחס וואס הקב"ה האט אים גיגעבין אגרויסין שכר וויל מיט דעם וואס ער האט זיך אן גינומען פאר דעם כבוד פון גאט ב"ה האט ער אראפ גינומען דעם צארין פון אידין. דער מדרש ברייננט דארטין אמשל א מלך איז פאר באיי גיגאנגען פאר אקונפאניע קליינע קינדער האט איינער גיזידלט דעם מלך איז ער אין כעס גיווארין אויף אלע קינדער האט גינומען אמענטש אונ האט אן גיפאצט דאס קינד איז דורך דעם אראפ דער כעס פון אלע קינדער. והנה מער פאר אלין איז א וואונדער אויף דעם פאטער אונ מוטער פון חתן וכלה וואס זייער באנצער תאוונש איז אז זייא זאלין זעהן נוטעס אויף זייערע קינדער וואס זייא פירען זייא אונטער דער חופה אונ זייא זאלין זוכה זיין צו א ברכה פון גאט ב"ה צו לעבין בשלום אונ עס זאל ארויס קומען פון זייא גוטע דורות אונ זאלין זוכה זיין צו עשירות אונ צו גדולה. את

אונזערע

תקנו חז"ל שבע ברכות להזוג שתחול עליהם ברכת ה' ע"י שיהיה כבודו יתברך שוכן בקרבם ובודאי מאז תחול עליהם הברכה כל ימי חייהם מפני שמברכין אותם בשם ה' [וכמו שאמר הכתוב בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך] וכ"ז אם נעשה החופה והשמחה כדין וכרצון השי"ת אבל אם בהשמחה מעורב תוגה שמשמחים באופן פריצות השנאוי ומתועב בעיני הקב"ה (כי הקב"ה שונא זימה) היוכל לשרות שם ברכת ה' היועילו הברכות שמברכין בשמו בזמן שעוברין על רצונו בשאט נפש וכמו שאמר הכתוב וראה בך ערות דבר ושב מאחריך ובאמת מבואר כן באהע"ז בבית שמואל בסימן ס"ב שאין לברך שהשמחה במעונו בזמן שיושבין אנשים ונשים יחד ובאין לידי הרהור וכ"ש בענין זה שמרקדין יחד שלא עלה על דעת הראשונים כלל שימצא כזאת בישראל וכיון שהזוג נשאר בלא ברכת ה' מה תקוה יש לקות באחריתם משלומם וטובתם וע"כ כל איש ואשה שרוצים באמת בטובת בניהם שיחול עליהם כל הברכות שמברכין אותן בשם ה' ישתדלו בכל נפשם שיהיה שמחתם שמחת אמת כדת התורה שיהיה לנחת רוח לפני ה' שלא ימצא בשמחתן עניני פריצות כאלו המתועב בעיני השי"ת ויבקשו עצות ותחבולות שלא יבוא לזה ובזכות שמשתדלים לקיים רצון השי"ת יזכם ה' לראות מבניהם דור ישרים זרע ברוך ה' וכמו שאומר הכתוב אשרי איש ירא את ה' וגו' גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך וממנו יראו ויעשו גם אחרים וזכות הרבים תלוי בו:

---

אונזערע חכמים האבין מתקן געוועזן זיבען ברכות צום זיווג, עס זאל חל זיין דורך דעם אויף זייא די ברכה פון גאט ב"ה אויף זייער גאנצער לעבין. אבער דאס איז אלץ אויב די שמחה איז געוועזען כדין איין שמחת מצוה וואס גאט ב"ה קען דארטין רוהען איז באמת געווים חל אלע ברכות וואס מען בענטשט זייא מיט זיין היילגען נאמען אויף זייער גאנצער לעבין, אבער אז אין די שמחה איז צו מיכט טרויער אז מען איז זיך משמח מיט איין אופן פריצות וואס איז אים ווידריג אין די אויגען פון גאט ב"ה קען דען חל זיין די ברכות וואס מען בענטשט זייא מיט דעם אייבערשטינס היילגען נאמען בשעת מען איז עובר אויף זיין היילגען רצון און מען ערצארינט אים מיט די זאכין וואס ער האט דאס פיינט און באמת שטייט אזוי אין דין אז מען זאל ניט מאכין בייא אזא שמחה די ברכה שהשמחה במעונו ווארום דאס רופט זיך ניט גאטס שמחה. נו וויא באלד אז דער זיווג בלייבט אן ברכות היינט וואס פאר אגוטס קען מען האפין צו זעהן אויף זייא אין אלע פרטים דרום דער פאטער און מוטער וואס ווילין באמת אין דעם גליק פון זייערע קינדער עס זאל אויף זייא חל זיין אלע ברכות וואס מען בענטשט זייא מיט זיין היילגען נאמען זאלין זייא זיך קלייגען מיט אלע קרעפטין אז זייער שמחה זאל זיין א שמחת מצוה וויא דער דין איז כדי עס זאל זיין א נחת רוח פאר גאט ב"ה און עס זאל זיך ניט גיפינען חלילה ענין פריצות און זעהן עצות צו פאר היטען עס זאל ניט קומען דער צו און מיט דעם זכות וואס זייא שטארקין זיך צו מאכין זייער שמחה וויא דער רצון פון הקב"ה וועלין זייא זוכה זיין באמת גוטע קינדער גיבענטשטע פון גאט ב"ה. און אזוי זאגט דוד המלך ע"ה אין תהלים אז דער מענטש וואס האט פארכט פאר גאט ב"ה און שטארקט זיך זייער מקיים זיין זיינע מצות וואס ער האט פאר באטין וועט ער זוכה זיין צו גוטע דורות גיבענטשטע פון גאט ב"ה:

**והנה** עיקר השורש שמביא לכל עניני הפריצות הוא מפני איחור הנשואין שנתהוו בזמנינו בעו"ה שהוא נגד טבע הבריאה ועי"ז נתגבר היצה"ר מאד ובאים עי"ז לכמה וכמה עונות וכבר אמרו חז"ל המשיא בניו ובנותיו סמך לפרקן עליו הכתוב אומר וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא ובמדינות בבל וחברותיה נוהגים עד היום שמשיאין בנותיהן בימי נעוריהן ומה טוב הוא זה לאביו כי מלבד שמשמרן שלא יבאו עי"ז לידי חטא וכמו שאמר הגמרא עוד ממילא ניטל מעליו כבד המשא ולא יצטרך לישא אותן עד זקנה ושיבה. והנה ראשית סבת האיחור ברוב פעמים הוא מפני שמבקשים איש חפשי מעבודה ושיהיה בו כל המעלות אבל לפי האמת אין נכון הדבר דאפילו אם לא יזדמן להם איש בכל המעלות כרצונם או שאינו נקי עדיין מעה"צ ג"כ יתקשרו עמו כיון שהגיע בנותיו לפרקן וכמאמר הכתוב לא תהו בראה לשבת יצרה וכבר אמרו חז"ל בתך בגרה שחרר עבדך ותן לה ולא יטעה האדם בנפשו לומר שבהעכבה ההיא עושה טובה לבתו לא כן הדבר כי עי"ז מרגילה לידי פריצות ותוכל לבוא ח"ו מחמת זה לידי זמה ותקלות אחרות שנשים דעתן קלות ויתחרט האב בעצמו אח"כ ולא יהיה יוכל להעזר מעלבונו הרב וגם ידוע שאיחור הנשואין הרבה מביא לידי מחלות ומה שהאב חושב שעל ידי החיפוש שמחפש הרבה בשבילה לקחת לה איש בהרבה מעלות עי"ז יתן לה עושר ואושר לא כן הוא כי הכל תלוי במזל וכמ"ש הגר"א באגרתו הק' שכל אחד ואחד נולד במזלו ובהשגחת אל עליון ב"ה וגם ידוע שכשמתגדלין הרבה אין שומעין כלל לדברי אבותיהן ובוחרין איש כחפצם כטוב בעיניהם אף שהוא למרות רוח כל משפחתם וע"כ החכם עיניו בראשו שלא לאחר נשואי בתו אם נזדמן

---

והנה. דיא גרעסטע סיבה צוא אלע עניני פריצות קומט פון דעם מנהג וואס מען איז זיך נוהג אין דיא איצטדיגע יארין ניט חתונה מאכין קינדער אין דער יוגינט וויא פאר צייטין איז גיוועזן אונ מען האלט זייא ביז זייא ווערין פאר עלטערט וואס דאס איז קעגין דער נאטור דרום קומט דאס צו אלע צרות. און אונזערע חכמים האבין שוין דאס גיזאגט אז דער וואס מאכט חתונה דיא קינדער גלייך וויא עס קומט דיא צייט אויף אים זאגט דער פסוק אז זיין הויז איז שלום אונ אן זינד. און עס איז פאראן מדינות וואס זייגען זיך נוהג אזוי איצטער אויך מאכין חתונה קינדער אין יוגינט. אונ וויא גוט איז דער מנהג אונ גיזונט פאר זייא אונ אויך פאר דיא עלטערין. אויך זעהט מען אז זייא לעבין גאנץ גליקליך אין אלע פרטים. אונ מען דארף באמת ניט זוכין דוקא אמענטש וואס איז שוין ארויס פון דינסט אונ זאל האבין אלע מעלות עס דארף רעכט זיין חאטשע ער האט נאך אויף זיך דעם חוב פון דינסט אונ ניט אלע מעלות דוקא אונזערע חכמים זאגין אונז אזוי וויא דיין טאכטער קומט דיא צייט פון נשואין דארפשטו ניט קלייבין אונ חתונה מאכין גלייך. אונ דער מענטש זאל קיין טעות ניט האבין אז ער טוט מיט דעם אין טובה דיא טאכטער עס איז פאר קערט ער ברייננט איר צו מדת הפריצות אונ ח"ו נאך ערגער וואס קען אמאל טרעפין גרויס בזיון וואס ער וועט זיך ניט קענען העלפין גם ברייננט דאס פיל קריינקהייטין ר"ל. אונד אויך וואס אפאטער רעכינט אז דער גאנצער גליק אונ רייכקייט וועגד זיך אז ער נעמט אמענטש וואס האט אפולע מעלות אונ קענדשאפט איז דאס אויך ניט אזוי דען אלץ וועגד זיך אן מזל וויא דער גאון ז"ל שרייבט אין זיינעם אבריף אז אלץ וועגד זיך אן מזל אונ השגחה פון גאט ב"ה אויך איז ידוע אז דיא טאכטער ווערט עלטער פאלגט זיא שוין ניט דיא עלטערין אונ נעמט וועמען איר גיפעלט חאטש עס איז קעגין דעם רצון פון גאנצע משפחה דרום דער קלוגער דארף זעהן ניט פאר זאמען דיא חתונה

לו איש הגון ההולך בדרך ה׳ כדי שלא יהיה לו הדבר אח״כ למכשול ולפוקה ואפילו אם האיש ההוא עדיין אינו נקי לביתו מעה״צ ג״כ אל ימנע מלהשיא לו בתו ועיין בספר מחנה ישראל בסופו בקונטרס דבר בעתו שמבואר שם באורך להסיר כל הטענות והפקפוקים שיש בזה. וגם ידע שטוב הרבה יותר להתדבק עם איש הגון אף שאינו נקי עדיין מלהתדבק עם איש שאינו הגון ונקי כי זהו לעולם וזהו רק לזמן קצר. ואבות המעכבין שלא להשיא בנותיהן להם אף שהגיעו לפרקן באמרם שאין זה לפי כבודם עתידים ליתן את הדין כי הם מביאין אותן לידי חטא וכנ״ל. ובעוה״ר כבר נבחן זה בכור הנסיון במדינות אחרות שהתנהגו ג״כ באיחור הנישואין ובאו בנותיהן לידי תקלות רבות וגם לידי מחלות, השם ישמרנו. ואשרי השם בטחונו בה׳ ומתנהג כדרך שנהגו אבותינו מעולם ובודאי לא ימנע טוב להולכים בתמים:

---

פון זיין טאכטער אונ נאר אז עס איז זיך אים מזדמן איין איש הגון וואס גייט אין דעם רעכט פארטיגען וועג זאל ער טאן האמשבע ער האט נאך ניט גיפאטערט דיא דינסט ווארום אז מען זאל ווארטען איז נאך ערגער (אונ גיב אכטונג אין דעם ספר מחנה ישראל צום סוף אין דעם קונטרס דבר בעתו איז דארטען אויף גיוויזען זייער פראקטעס דיא זאך גם דארף מען וויסען אז עס איז בעסער צו טאן מיט איין אידעלען מענטשין ניט קיין גיפאטערטער אידער מיט א גראבין א גיפאטערטער ווארום דאס איז נאנע איין קליינע צייט אונ דאס איז אייביג) אונ דיא עלטערין וואס פאר מידין צו טאן אשידוך מיט א טאכטער אין דער יוגענד וייל עס איז זייא ניט קיין כבוד צו מאכין חתונה פאר צזעלכען וואס האט ניט גיפאטערט דיא דינסט זיינען זייא אן גיגרייט אפ צו געבין פאר הקב״ה דין וחשבון וואס זייא ברייגען זייער טאכטער צו זינד אבי דער מענטש איז ארעכטער מענטש אונ דיא טאכטער וויל אים טאר ער ניט אפ האלטין. אונ עס איז בעו״ה פאראן מדינות וואס האבין זיך איין גיוויינט דווקא חתונה מאכין ניט יונגערהייט זיינען זייא באמת גיקומען צו פיל תקלות אונ מחלות ר״ל. אונ וואהל איז דעם מענטש וואס פאר לאזט זיך אויף גאט ב״ה אונ פירט זיך מיט זיינע קינדערס חתונה וויא אונזערע עלטערין האבין זיך גיפירט אין דיא פריערדיגע דורות. אונ גאט ב״ה וועט גיוויס ניט פאר מידין קיין גוטס צו דיא וואס פירין זיך בתמימות אונ גייען אין גלייכען וועג:

# לוח המפתח

פרק ראשון יבואר בו גודל האיסור לאשה לילך בפרוע ראש לשוק.
פרק שני יבואר בו דין דשער באשה ערוה ואסור לומר שום דבר קדושה נגדה.
פרק שלישי בו יבואר כמה וכמה איסורין היא מכנסת לעצמה ע"י מנהגה הרע הזה וכמה תצטרך לבסוף לסבול עבור זה
פרק רביעי בו יבואר פיתוי היצר שיש בענין זה.
פרק חמישי בו יבואר עוד פיתוי היצר שיש בענין זה.
פרק ששי בו יבואר גודל החיוב לבעל להוכיח לאשתו בזה
פרק שביעי בו יבואר גודל מדת הצניעות והשכרה עבור זה בעוה"ז ובעוה"ב ולהיפך אם היא הולכת בדרכי הפריצות.
פרק שמיני בו יבואר מצות חינוך אב לבנים בכמה ענינים נחוצים הנוגעים לדת התורה.

עוד יבואר בסוף הספר כמה וכמה דינים מהלכות נדה הנחוצים מאד למעשה;

# הסכמה

הן הביא לפני כבוד הרב מהר"י נ"י מפה איזה עלים להדפיס מספר "גדר עולם" הנעשה לתועלת המון בנ"י וראיתי כי שמו נאה לו כי הלקחו ומוסרו הטוב הוא גודר פרצתו של עולם אשר בעוה"ר רבה המכשלה בעתים הללו ע"י הני נשי שמשכו ידיהן מן הצניעות ואחזו בדרך הפריצות, וכבר עברו ושנו בזה עד שיש שנעשה להם כדבר כהיתר גמור ולא יעלו כלל על לבן גודל האיסור והפרצה בדת הישראל הנלמד מזה, כן יש עוד בסוף הספר כמה וכמה הלכות מס' נדה הנחוצים ודרושים לדעת לכל איש ואשה והן הן מגופי ההלכות המסורים לאיש ואשה וכלולים בקיצור נמרץ והעתיקם בלשון אשכנזית המדובר בינינו למען יבינו אנשים ונשים וטף, ואחרי רואי כי דבר טוב וגדול עשה הרב המחבר בספרו גדר עולם ותקן תקנה משום צניעות ומשום פריצות ועי"כ אמינא לפעלא טבא יישר חילו ויהי ה' עמו לבצע אשר עם לבבו לזכות הרבים וזכות הרבים יהי' תלוי בו להיות דברי מוסרו נשמעין ומתקבלין על הלב ומהראוי לכל איש ישראל שימצא ספר הזה בתוך ביתו ויהי' תמיד נגד עיניו ונגד עיני בני ביתו למען להאחז בדרך הצניעות ובזכות זה יגדור ה' פרצותיהן של ישראל ובשכר נשים צדקניות נזכה לביאת הגואל בב"א.

המדבר לכבוד התורה הבאעה"ח יום ג' ד' מרחשון תר"ן לפ"ק ווארשא

שמואל זנוויל קלעפפיש מו"צ דפה ק"ק הנ"ל.